שנה ד'
נומער 164
**פרשת תצוה**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בעטל



**ארטיקל:**
ווער איז דער מבין

**פרויען אפטיילונג:**
פורים מיט קלוגשאפט

**בילדער אפטיילונג:**
מאורעות אין היכל הקודש פון ארום די וועלט

מזל אדר דגים

## ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר

# קרית ברסלב בלעטל


3 — זום פינטל: ווען די אדרן קומען ארויס



6 — משה ארי' שניטצלער: ווער איז דער מבין?



10 — היכל הקודש נייעס: מסיבת הכרת הטוב רענט קאמפיין



16 — מיט א טיפערן בליק: מ'נעמט איין די וועלט



23 — די ברסלב'ער שטוב: א פרייליכן (?) פורים



27 — פרויען גאסט ארטיקל: פורים מיט קלוגשאפט





רעדאקציע:

**מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, ד. ווייסמאנדל, ר. ראטענבערג. ל. שיינער.**

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:

**718.387.2691**

subscribe@kerenhadfusa.org

לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:

077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו

chizikyomiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע

בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747

breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**


## זמנים Liberty

תצוה י"א אדר תשפ"ג

הדלקת הנרות.........05:33

מוצאי שבת............07:04

**מנחה מעריב כי תשא ... 06:50**


## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמואל בער שניטצלער הי"ו**

**וזוגתו אסתר פראדל תחי'**

**צו זייער נייע מיידל בעבי**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אשר קרויס הי"ו**

**וזוגתו פערל תחי'**

**צו זייער נייע מיידל בעבי**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יוסף יאקאבאוויטש הי"ו**

**וזוגתו לאה תחי'**

**צו זייער נייע מיידל בעבי**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט


## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 03 | 28°/23° | | Snow |
| Sat 04 | 33°/18° | | Mostly Cloudy |
| Sun 05 | 33°/18° | | AM Clouds/PM Sun |
| Mon 06 | 39°/26° | | Partly Cloudy |
| Tue 07 | 40°/22° | | Partly Cloudy |
| Wed 08 | 34°/21° | | Mostly Cloudy |
| Thu 09 | 32°/20° | | AM Snow Showers |
| Fri 10 | 35°/21° | | AM Snow Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט

**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל'ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**

שיחות הר"ן רכ"א



# צום פינטל



## ווען די אדר'ן קומען ארויס

כשמו כן הוא, ווען עס קומט אדר קומען ביי די שרייבער ארויס די אדערן פון קאפ... מען ברעכט זיך קאפ אין די אפיסעס פון די שרייבערס, וואס קען מען אויפקומען מיט עפעס אדר'דיגס, ממש די אדר'ן ווערן איבערגעשטרענגט... עד כדי כך, אז אפילו דו האסט שוין יא עפעס וואס צו שרייבן, איז מרוב אנגעשטרענגקייט קענסטו זיך נישט מצמצם זיין ארויסברענגען די געדאנקען אויף א הומעריסטישן אופן, צומאל קומט עס ארויס אויף א אופן, עס שפירט זיך ווי עס שלאגן זיך צוויי קעגענזייטיגע כוחות

**יצר הרע** (נ"א יצר טוב)

קוק אהער! נישט איז נישט! אז עס איז נישט דא וואס צו שרייבן, שרייב נישט! ווער זאגט אז מען מוז שרייבן יעדע וואך? אפגעטאנצן! זעץ דיך אראפ, זיי דיך מיישב, און זע... אז עס קומט אריין א געדאנק וואס צו שרייבן שרייב, און אז נישט נישט!

**יצר טוב** (נ"א יצר הרע)

ניין! דו כאפסט נישט! איך זע אז די ווייסט נישט וואס עס מיינט פאר א צום פינטל שרייבער, די שרעקעדיגע ווארט אדר... שבת זכור... פורים... סתם אזוי קען מען - ווי מען זאגט - יו קען געט עלאנג וויט איט, (אתה יכול להסתדר עם זה) עס וועט גארנישט געשען, אבער אדר! די ליינער לעכצן דאך אזוי שטארק, זיי וועלן נישט מוחל זיין אז עס איז נישט דא קיין ארטיקל, נאכמער, אז עס איז נישט דא קיין ארטיקל איז איין זאך, אבער עס איז נישט דא עפעס פורים'דיגס?

דו ווייסט וואס נאך איך וועל דיר זאגן, איך וועל זיין זייער אפען מיט דיר, מיר האבן אנגעהויבן שרייבן איין ארטיקל, מיר האבן געשריבן אן ארטיקל, די קעפל איז געווען "אפשר שרייבסטו נארמאל", און עס ליינט זיך כאילו איינער אטיקירט דעם שרייבער פארוואס ער שרייבט יעדע וואך אזוי פורים'דיג, און דערנאך קומט ער אריין מיט א געדאנק אז אפשר לכבוד פורים זאל מען מאכן א **ונהפוך הוא** און שרייבן נארמאל... עס איז אריין קאפ אין מוח אין יענעם ארטיקל, אבער ווען עס איז געווארן איברעגעקוקט... האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז עפעס נישט...

שוין... א כפרה... האבן מיר יענעם ארטיקל געלייגט אין א זייט, און אנגעהויבן שרייבן א צווייטע ארטיקיל, יענער ארטיקל איז היבש בעסער, אבער נאך אלס עפעס נישט... אדרבה יראו הקהל וישפוט, דא האט איר אויסצוגן פון יענעם ארטיקל, עס ליינט זיך אזוי:

**ווי האסטו זיך אויסגעלערנט שרייבן?**

**און די ענטפער איז:** דו ווייסט, דוד המלך האט געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל אים געבן צו פארשטיין, פארוואס האסטו באשאפן א ספיידער, א שפין? אויך פארוואס האסטו באשאפן א משוגענע מענטש? דער אייבערשטער האט אים געענטפערט, דו וועסט נאך זען דיין לעבן וועט נאך ווערן געראטעוועט דורך די צוויי זאכן, ווי עס איז באקאנט די מעשיות פון נ"ך.



**עס שטייט דארט ווייטער:** דו ווייסט מען דארף זיך לערנען פון יעדע זאך אין די וועלט.

למשל שרייבן האב איך מיך געלערנט פון יעקל וואסער טרעגער, פון יוסל מילנער.

אבער נישט פון זיי אליין, נאר פון צארטל די טערעפיסט... א אלטע מויד... אפילו זי וואלט ווען חתונה געהאט ביי די פערציג וואלט זי געקענט זיין מיין באבע... וואס רעדסטו? זי האט נישט פארברענגט קיין צייט קיינמאל, זי האט שטודירט, יא... זי? זי האט א דעגרי... (דא לאכט מען...) אודאי... מיין נישט... היינט הייסטו שוין נישט צארטל, וואסערע פנים וועט האבן אזא הויעך שטודירטע מויד, מיט א לייסענס און א דעגרי, עפעס א קלייניקייט... די קלוגסטע פון די יונעווערסעטעטן האבן אליין געשריבן א איר דיפלאמע, אז זי האט די קוואלעפיקאציעס צו אויסלערנען ווי אזוי מסדר צו זיין א שטוב... ( דאוינ געט מי ראנג... מסדר זיין מיין איך נישט ווי אזוי צו מסדר זיין שפילצייג אין קאנטענארס, מסדר זיין מיין איך טאקע מסדר זיין... אזוי ווי איינער זאגט דער האט יענעם אזוי ג-ו-ו- ט מסדר געווען), נו ווי קען אזא מלומדת, ווי קען אזא געלערנטע, טראגן אזא יאנטשי' נאמען ווי צארטל, יעצט פרעגסטו ווי אזוי זי הייסט היינט? דאס איז נישט פאר אונז, מיר רעדן נאר אנע נעמען... אפשר פרייטיג צונאכטס ווען עס וועט נישט זיין קיין רעקארדירינגסט אפאראטן וועט מען קענען רופן דאס קינד ביים נאמען... די שם הכולל פון די באשעפעניש זענען טערעפיסטן ה"י.

איז אזוי, טראכט איך צו מיר מילא יעקל וואסער טרעגער, דער אייבערשטער האט אים באשאפן ער דארף ברענגען וואסער פאר דורשטיגע אידן זיי אנטרינקן מיט ריינע וואסער. מילא יוסל דער מילנער, ער דארף דאך מאלן ווייץ, עס זאל זיין בארכעס אויף שבת, עס זאל זיין מצות אויף פסח, אבער די צרה'טל? (איך קלער יעצט, ביי א מאן זאגט מען א צרה'לייט ביי א פרוי זאגט מען א צרה'טל... איך ווייס? ווער ווייסט? נישט יעצט יעדער וואס טראגט די נאמען צארטל קען מען דרשענען אזוי, עס איז פשוט לשון...נופל...על... לשון), אקיצור, וואס געבט זי צו צי די בריאה, חוץ אז די מסדרי גיטין זאלן האבן פרנסה בריוח, און חוץ אז די אנטשטאלטן די בית לפליטת, די בתי יתומים פון קינדער וואס קומען פון עלטערן פון שטובער וואס זי האט געהאלפן "מסדר זיין..." זאלן זיך קענען פאנדן בכבוד ובריוח, חוץ פון דעם וואסערע ניצן האט די בריאה פון דעם מאדנע בריאה, וואס הייסט טערעפיסט?

האט מיר דער אייבערשטער געוויזן, אז דווקא פון זיי האב איך ארויסגענומען א מורא'דיגע לימוד, א וואסער טרעגער ברענגט וואסער פאר אידישע קינדער צו שטילן זייער דורשט, א מילנער ברענגט פיינע פרישע מעל צו קענען מאכן פיינע ברויטן, חלות, און מצות פאר אידישע קינדער, און דער טערעפיסט לערנט דיך אויס, דו קענסט מאלן וואסער, רעדן און רעדן גארנישט זאגן, און דאס איז א גאנצע ארטיקל פאר מענטשן.

**וואוו, זייער שטארק!**

**און וואס איז מיט עפעס תוכן, אז דו מאכסט א ארטיקל מוז דאך עס האבן עפעס תוכן אין זיך, ניין?**

נו פון דעם רעד איך דאך פון טוחן...

א שרייבער איז ווי א מעלער, אמאל מאלט ער אראפ א שיין בילד פול מיט תוכן, און אמאל איז ער ממש "טוחן מים..." ער מאלט וואסער.

אהא! איך הער.

מען דארף אלעמאל זען צוצושטעלן פארן עולם וואס צו ליינען, אזוי איז עס, מענטשן האבן ליב דאס געשריבענע ווארט.

**דארט אינעם ארטיקל לייגט זיך ווייטער:** א שרייבער איז ווי א באס דרייווער.

ער דרייט זיך אהין, דרייט זיך אהער, מענטשן קומען ארויף אינמיטן פונעם ארטיקל, מען מישט דא מען בליקט דא, טייל גייען אראפ אינמיטן, זיי קענען עס שוין נישט פארנעמען, טייל ווערן פשוט אינמיטן אויפגעשאקלט, הצד השוה איז אז יעדער איז דיזי נאכן נסיעה, איינער באדאנקט זיך פארן ש(ד)רייווער, איינער שעלט, אבער צום סוף קומט יעדער אן צו זיין דעסטענאציע, איינער אזוי איינער אזוי, מען גייט אראפ פונעם באס, יעדער מיט עפעס אין די האנט.

פארשטייסט דו צושטעל?

**נישט אינגאנצן!**

נישט אינגאנצן? אדער אינגאנצן נישט?

איך פארשטיי נישט וואס דו פרעגסט! עס איז דאך די זעלבע זאך, ניין?

וואס איז די זעלבע זאך, א שרייבער ווי א באס דרייווער, אדער נישט אינגאנצן איז די זעלבע ווי אינגאנצן נישט?

ביידע זענען איינציג, אלעס איז איינס, איך בין שוין אינגאנצן צימישט, און

דו זאגסט האלסט נאך ביי די הקדמה.

דו ווייסט וואס עס פאלט מיר איין? א שרייבער איז פונקט ווי א שערער...!

**א שערער גאר?**

יא! דער שערער הייבט אן אריינקריכן אויפן קאפ פונעם מענטש, קודם גייט ער נאר פון פארענט פונעם קאפ דערנאך קריכט אריין טיפער און טיפער ביז ער לאזט איבער דעם מענטש איינגאנצן אויסגעפליקט קרחה מכאן וקרחה מכאן.

פארשטייט זיך, עס ווענדט זיך פון וועלכער שרייבער מען רעדט, איינער לאזט דיך איבער אן גארנישט סתם פארדרייט א קאפ, און איינער געבט דיר - נאך אלע קאפדרייענישן - עפעס אין די האנט.

**לאמיר הערן פון דיר, וואס טראכסטו וואס איז א שרייבער?**

איך האב געקלערט אז א שרייבער איז פונקט ווי אן ארעסטאנט, און ווי א רעסטאראנט.

או וואו! ווי אזוי? ער איז ווי דער ארעסטאנט, ער איז געבינדן ער קען נישט שרייבן וואס ער וויל, און ער איז ווי א רעסטעראנט, ער נעמט ארויס אלטע סחורה, ער לייגט צו אביסל פעפער און זאלץ, ער ווארעמט עס אן, און דער וואס עסט עס דרייט זיך אים די מאגן פאר אפאר טעג.

**גאנץ א גוטע צושטעל!**

עד כאן וואס איך האב פראבירט.

איך בין זייער אפען מיט אייך טייערע ליינער, איך זיך נישט ארומצושפילן, איך ווייס ווי שטארק מען ווארט אז אדר... גייט קומען עפעס א ארטיקל פון אדר, וויל איך אביסל געבן ביהיינד די סינס, אונטער די קאליסן, איך זיך נישט סתם צו טרייבן לצנות, איך ברענג ארויס אביסל איר זאלט פארשטיין, ווי פאר'דאגה'גט דער שרייבער ווערט ווען עס דערנענטערט זיך חודש אדר.

נאך אלע מעשיות קען מען זאגן, אז די יעצטיגע ארטיקל איז ווי די 20 סאלאטן וואס מען שטעלט צו אין אומאן (ווער געדענקט נאך יענע צייטן ווען עס איז נאך געווען לעקטער און בית כיסא'ס און אומאן...) דעמאלטס איז די עסן באשטאנען פון צוואנציג געטינקעכצער, מען נעמט די חלה, מען טינקט אין דעם... עס איז עפעס נישט... מען פראבירט צו טינקן אפשר אין דעם... נע! אפשר דא... און אזוי פראבירט מען אויס אלע צוואנציג סאלאטן וממילא יבין, צום סוף איז מען שוין זאט.

עס איז מיר אריינגעקומען נאך א געדאנק, אפשר גאר שרייבן א סיכום, אדער מאכן א שילוב פון אלע ארטיקלן וואס זענען שוין ערשינען ביז היינט?

א אויסגעקלאפטע פוטער ברויט... א גאסט אויף א מייל... קרחה אדער משה... העגט אין די הייעך... פארקאכט א טשולנט... קען מאטי זיין פייטל... נישט יעדע טול קען מען ניצן אלעמאל...

גוטע מעמערי'ס! הע? נו וואס קען מען משלב זיין?

ווייטער... אראפ פון זונען... איין בייס... בארויבט א גארביטש טראק... גייט אייך צוריק קיין ברוקלין...די סוד פון פעטער העשא'ס עשירות... נישט ליינען דעם ארטיקל... רויע מאטריאל בעפארגרייטונג צו אומאן... דער דוכגעפאלענער טריק...

**עס קאסט א לאך!**

מלחמה פארלוירן שלאכט געזיגט... די סכנה'דיגסטע בעל חי... דער פאסטך דער שוטה... די שלאנגן הויז... א בעל מסירת נפש אדער טון וואס דער אייבערשטער הייסט...

געשמאקע ארטיקלען... גוטע צייטן געווען! וואס נאך?

פאראכטן דעם ענדשין לייט... שלאכטצלאזע פרוכט... פארלוסט פונעם בריטישער קעניגן... ליידיגע מאראנצן... נעשה ונשמע מיט בלעכענע הויזן...

אזוי צו אזוי, דארף א מענטש אין יעדע מצב געדענקן, אז ער איז קיינמאל נישט פארפאלן, און ער קען מיט איין ווארט צוריקקומען צום אייבערשטן, די כח פון א מויל איז אזוי שטארק אז ווען א מענטש זאל דאס וויסן וואלט ער געהאלטן אין איין בעטן: אייבערשטער! באשעפער! העלף מיר, איך בין אין א צרה, איך ווייס אז קיינער קען מיר נישט העלפן, איך אליין קען מיך נישט העלפן, איך ווייס נישט וואס עס טוט זיך מיט מיר, אבער דו ווייסט דאך יא וואס דא טוט זיך מיט מיר, און דו קענסט מיך טוישן צום גוטן.

אך! זאל נאר א מענטש וויסן אז זיין דיבור האט אזא שטארקע כח, עס קען טוישן אלעמס אלעס, א שאד אז דו ביסט צובראכן און די זאגסט נישט די פשוטע ווערטער, און דווקא אויף זאכן וואס זענען ארויס אוממעגליך, איין ווארט וועט טוישן דיין גאנץ לעבן.

א מעשה פון תפילה: עפעס איז געווארן! עס האט מיר געקאסט פינף מינוט תפילה, גלייבט מיר איך האב עס גע'טיימ'ט מיט א סטאפ וואטש! א הערליכע ארטיקל! שכוח אייבערשטער!

# ווער איז דער מבין?



משה ארי׳ שניטצלער

מיין חבר יאנקעלע איז דאך א באוואוסטער ווײַן מבין.....

ווײַן מבינות איז אזוי ווי עמעזאן און ריעל עסטעיט, איינער ווייסט וואס ער רעדט און איינער רעדט הוידל בוידל, סתם געהאקט א קאפ.

איז יאנקעלע פון די וואס ווייסן אביסל וואס ווײַן איז. א פלעשעלע ווײַן וואס וויל אנקומען צו יאנקעלע׳ס צינג מוז האבן, קודם כל, די ערשטע דריי תנאים, וואס אן דעם איז א שאד די צייט.

ס׳ערשטע תנאי איז, דער ווינטנער מוז זיין אזוי שטאלץ מיט די ספעציפישע לעזונג אז ער זאל וועלן ארויס געבן ווי מער פרטים, דערפאר מוז שטיין אויפן פלעשעלע די פלאץ וואו דער ווײַנשטאק איז יונק, א שטייגער ווי נעפע וועלי, אין די זוניגע קאליפארניע.

צווייטע תנאי, דער ווייַנמאכער מוז ארויסזאגן ברחל בתך הקטנה פון וועלכע יאר מ׳רעדט, ווייל דאס ווייסט דאך יעדער בר בי נאוותא אז איינס פון די הויפט אינגרידיענטס פון די טרויבעלע איז די זון. נו, אז דו וועסט נישט ארויסגעבן די יאר, ווי אזוי וועט מען וויסן וויפל זון איז אריין אין די טרויבעלע..... יעדע יאר האט דאך אן אנדערן טאטעל פון זוניגע טעג.

די דריטע תנאי פאר יאנקעלע׳ן צו אפילו טראכטן פון עפעס א פלעשל איז אז ס׳מוז זיין ספעשל רעזערוו, דאס הייסט אז מ׳ניצט נאר די אויבערשטע האלב פון די פאס. פשוט, יאנקעלע אין זיין בית המדרש האלט אז ער איז ס׳אויבערשטע פון שטייסעלע, טרינקט ער נאר ס׳אויבערשטע פון פעסקעלע, איי וואס וועט מען טון מיט די צווייטע האלב פאס? טאקע א פראבלעם! מ׳וועט שטעלן א קאמיטע זאל זיך ספראווען מיט אלע האלבע פעסער וואס יאנקעלע האלט נישט ביים טרינקען, דערווייל וועט ער אביסל באנעצן די לעפצן.

די פלעשלעך וואס געבן נישט ארויס די אויבענדערמאנטע יחוס, לאזט יאנקל פאר די סוחרים וואס פארקויפן צען דאלערדיגע באטלעך פאר העלף פרייס!

און וואס איז מיט די פלעשלעך וואס זאגן ניטאמאל ארויס וועלכע טרויבעלע איז די רעדע? דאס, האט יאנקל געגעבן פאר זיין ווייב, זאל עס געבן פאר די רוימער׳קע וואס קומט דאנערשטאג צופרי וואשן די פלאר, אז זי זאל עס געבן פאר איר מאן, וואס איז א פעדעקס טרעילער דרייווער אז ער זאל עס ארייננגיסן אין די דיזל טאנק אויב מ׳געט אים נישט קיין רעיז.

בנוגע די קארק, וואס מ׳רופט אויף אלט אידיש די "פומזן האלץ" דעקל, ווייסט יאנקל פונקטליך ווי אזוי מ׳זעט די טרוקענע פומזן פון די נאסע, די באטלעך וואס האבן געמעגט זיין יאנקל׳ס פרענד, האבן אלע א פיינעם נאסן פומזן, ס׳האט נאך קיינמאל נישט פאסירט אזא זאך אז יאנקעלע זאל דורך לאזן א נישט-אינגאנצן-נאסע פומזן אן עס באמערקן. דאס איז פארשטייט זיך די סיבה וואס יאנקל האלט על פי רוב זיין ווײַן ליגעדיג, וואס דאס איז גורם אז די פומזן זאל ווערן כסדר נאס פון די ווײַן און דאדורך ווערן מיניה וביה א "סיעל" וואס פארזיגלט די לופט זאל נישט קענען אריינגיין אין באטל דורך די אויסגעטרוקענטע פומזן-קארק און ווייטער און ווייטער קאליע מאכן די אינעווייניגסטע און אויסנווייניגסטע חלקים פון די פומזן.



א מינוט, נאכנישט פארטיג......

יעצט צום שלוס גייט יאנקעלע געבן א דריי מיט'ן פלעשל אביסל ווי דער פידלער געט א דריי דעם גרעסערן זייט פון די פידל צום אויער צו, אזוי וועט ער זען צו די גראבע זייט פון די באטל איז קלאר בלי שום כל דהוא פון זאץ.

אויב וועט יאנקעלע זען אז מ'קען אפילו נאר זאגן אז די באטל איז נישט קלאר, לייגט ער עס צוריק אויף די פאליצע און לאזט דאס פאר די וואס פארשטייען צו סעלצער.

דאס איז יאנקעלע, דער קענער, דער ווייסער, דער בקי, דער ידען.

יעצט וועלן מיר גיין צו מיין חבר מענדעלע, ער באזיצט די קונץ פון ווארפן ווערטער אן וויסן וואס עס מיינט, ער פארשטייט צו וויין ווי א קעצעלע צו מאטיאש, ווי א משולח צו דעלקעלעך, ווי א הונגארישער צו מאלאוואה, ער באטיטלט יעדע וויין מיט עפעס א פרוכט, דאס איז סטראבערי'דיג, און יענץ איז גרעיפפרוכט'טיג, שפעטער הייבט ער אן מסביר זיין ווי אזוי די וויין פילט "קודם אזוי און נאכדעם אזוי" "ס'הייבט זיך אן מיט א טעם פון קאטנקענדי און ס'ענדיגט זיך מיט א גערוך פון קרים טשיז".

אונזער קעצעלע מבין מענדעלע איז ביזי מיט צאמשטעלן וועלכע עסן מיט וועלכע וויין...... ראשן ריווער שארדענעי' מיט בריסקעט, שאטאו לעי' קראק מיט פישעלע קאלכעל, ווייט זינפאנדעל מיט קאטשקע פיס, לא שאטאו מיט רויע טונא, און גיי ווענד אים אפ.

איך האב געהאט גראדע א פיינע שארדענעי' מיט גוד אלד טשיקען באדעמ'ס, ס'איז געווען זייער געשמאק, וואס האקסטו א קאפ וועלכע וויין מיט וועלכע עסן, אבי געדרייט א ספאדיק.

יעצט אז מיר זעען שוין די צוויי חברה, יאנקעלע מיט מענדעלע קענען מיר גיין ווייטער.....

מוהרא"ש פלעגט אונז אלעמאל זאגן אז א צדיק, פון איין זייט לאזט ער נישט נאך פון זיין וועג וואס ער זעט לויט זיין הייליגע, קלוגע שכל.

א צדיק'ס שכל קומט נישט פון ליינען צייטונגען און קראצן די פיס אין מקוה. א צדיק'ס שכל קומט פון משניות, גמרא, זוהר הקדוש, נועם אלימלך, אור החיים הקדוש, תנא דבי אליהו, פרקי דרבי אליעזר, מדרש רבא, מדרש תנחומא, און אזוי ווייטער.

דו ווייסט ווי קלוג א צדיק איז? קוק אויף מוהרא"ש, וויפל מענטשן האט מוהרא"ש מחזק געווען? קוק די מהפיכה וואס מוהרא"ש האט איבערגעדרייט א וועלט, און מוהרא"ש זאגט איך בין א ברעקל קעגן רבי נתן, רבי נתן זאגט איך בין א ברעקל קעגן דעם רבי'ן, און דער רבי זאגט איך בין א ברעקל קעגן דעם הייליגן בעל שם טוב, און דער הייליגער בעל שם טוב זאגט איך בין א ברעקל קעגן דעם אר"י הקדוש, און דער אר"י הקדוש זאגט איך בין א ברעקל קעגן רבי שמעון בר יוחאי, און רבי שמעון בר יוחאי קעגן רבי עקיבא, און רבי עקיבא קעגן משה רבינו.

יעצט קומט א יונגערמאן וואס האט נאכנישט געענדיגט איינמאל ששה סדרי משנה און זאגט אז ער איז מחולק אויף'ן דרך הלימוד וואס קומט פון אזעלכע צדיקים.

א צדיק איז "פארקנעכטעט" צום אייבערשטן, בלי שום תנאי, בלי שום קבלת שכר בזה או בבא, נאר צו טון וואס די אייבערשטער הייסט, און פון די אנדערע זייט, ווען עמי הארצים, טפשים, בעלי עבירה דערקוטשענען א צדיק אז ער טוט נישט גוט, לויפט ער שוין צום אייבערשטן מיט די גרעסטע מאס ביטול און זאגט צום אייבערשטן אז איינער האט געזאגט איך טו נישט גוט, און, אוי געוואלד, אפשר טו איך טאקע נישט גוט, אזוי שמועסט זיך א צדיק מיט'ן אויבערשטן ווי מ'רעדט זיך אויס פאר א חבר, און דער צדיק לייגט ארויס אלע צדדים אין זיין הארציגע שמועס מיט'ן אייבערשטן.

למשל, מוהרא"ש זכותו יגן עלינו מיט די וואונדערליכע, געשמאקע, וועג פון זאגן משניות.....

מוהרא"ש האט דאך שוין פונקטליך געוואוסט דעם אמת, וואס משניות טוט צו א מענטש, נאך אלץ האט ער יעדעס מאל וואס די מחלוקת האט זיך פארשטערקערט, זיך פון פריש מבטל געווען צום אייבערשטן, בביטול גמור, און נאכאמאל אויסגעשמועסט מיטן אייבערשטן אלע צדדים, ביז ער זעט נאכ'ן שמועסן מיט'ן אייבערשטן אז מ'דארף טון אזוי און אזוי.

איינמאל האט פאסירט אז די מחלוקת איז געווען אויף גאר א שווערע פארנעם, מ'האט נישט אויפגעהערט קומען זאגן פאר מוהרא"ש אז דער זאגט אזוי אויפ'ן דרך הלימוד, און דער זאגט אזי, יעדער חכם וואס פארשטייט צו פישזאפט ווייסט צו זאגן אז בויבעריק בן בנו של בויבעריק הגדול האט געטראפן א מקור אז זאגן הייסט נישט געלערנט. בקיצור, מוהרא"ש איז געגאנגען שפאצירן שפעט ביינאכט און ער בעט און ער וויינט צום אייבערשטן, טאטע זיסער ווייז מיר די וועג, טאטע איך וויל גארנישט נאר וואס די אייבערשטער אליין הייסט!.....



אוי! טייערע טאטע! לעכטיגער טאטע! דערבארעמדיגער טאטע אין הימל!! פון איין זייט איז דא צובראכענע מענטשן וואס מחמת נישט היטן די אויגן און טון נארישע זאכן איז ער נעבעך דערביטערט און בקטנות און בצער און פארשטייט נישט קיין לערנען און דער רבי זאגט ער זאל זאגן אן פארשטיין, פון די אנדערע זייט איז דא שיינע אידן וואס שרייען לערן טיף! לערן טיף! נאך טיפער! נאך אביסל טיפער! און אז חלילה וחס אויב מ'האט געכאפט א בחור לערנען מער ווי דריי בלאט א זמן! (ווייל די אלע מפרשים וואס די מגיד שיעור לייגט אראפ ווען די בחורים ליגן מיט די לומדישע קאפ אויף די הענט און פארזוכן א שינת צהריים ביז די שטערן באקומט די וועלט באוואוסטע לומדות פלעקן פון גרויס התעמקות ביים פארלערנען, פארשטייט דער בחור יא......) ווייל מ'גייט אוועק פון די מסורה אויב מ'לערנט מער פון דריי בלאט א זמן.....

טאטעניו! גאטעניו! מאך מיר לעכטיג די אויגן!!!! ווייז מיר עפעס פון הימל!

מוהרא"ש שפאצירט און וויינט און וויינט און שפאצירט, דער אייבערשטער זאל אים ווייזן א וועג, זיינע אויגן גיסן הייסע הארציגע ביטערע טרערן אויף אידישע נשמות וואס ווילן זיין גוט און קיינער וויל זיי נישט גלייבן אז זיי ווילן זיין גוט.....

וואס זאל איך טון אז איך האב ליידער יא פארשמירט מיינע אויגן, טאר איך שוין נישט עפענען א גמרא? פארוואס? אוי פארוואס טאטע זיסער?!!!! ווי קען איך פארשטיין גמרא אז ס'קומט מיר פאר די אויגן אלע נישט גוטע זאכן וואס איך האב צאמגעקוקט רחמנא ליצלן?!!! איז שוין דערנאך מיט מיר?! למה ניגרע?!!

אזוי איז דער הייליגער מוהרא"ש געווען דער שליח ציבור יעדע נאכט, זיך אויסגעוויינט ביז ס'איז געווארן צופרי, געוויינט און געוויינט און געוויינט פאר וואוילע זיסע אידישע קינדער וואס האבן נישט ווער זאל וויינען פאר זיי, אז זיי ווילן צוריק קומען צום באשעפער און ס'שטייט ביים טיר א שיינער איד און שרייט חי וקים אז ווער ס'קען נישט לערנען מיט רש"י און תוספות האט נישט קיין רעכט צו לערנען אן פארשטיין.

פלוצלונג, אינמיטן שפאצירן טיף אין די נאכט שעות, זעט מוהרא"ש פון דערווייטנס גייט א האומלעס מענטש, אנגעטרינקען, טויט שיכור, ס'פעלט אים איין פיס, ער גייט מיט שטעקענעס, ס'רינט אים פון די נאז, פון די מויל, ס'הייבט אן רעגענען, ס'ווערט אביסל קאלט, דער שיכור פילט גארנישט, די רעגן ווערט שטערקער און שטערקער, ער שטעלט זיך ביים פענסטער פון א רעסטאראנט, ער קוקט אריין, ער זעט מענטשן עסן און טרינקען, מענטשן לאכן, ס'שפילט מוזיק, מענטשן טאנצן, ס'איז לעכטיג, ס'איז לעבעדיג, און דער שיכור'ער האומלעס שרייט און שרייט מיט א הייזעריגע אויסגעריסענע קול......

וזה לשון השיכור בשיכרותו: דיס איז עי לייף?! דיס איז עי לייף?! יו העוו נאטינג!!

לוק עט מי!!!! דיס איז עי לייף!

דאס הייסט געלעבט? איר האט גארנישט! קוקט אויף מיר! דאס הייסט געלעבט!

מוהרא"ש זאגט גלייך שכח אייבערשטער פאר דיין ענטפער!!!!!! שכח הארציגער פאטער, יעצט וועל איך ווייטער פארשפרייטן די עצה פון זאגן משניות, זאל די גאנצע וועלט זאגן פארקערט, איך וועל גיין מיט די וועג פון די תורה.

אז א שיכור זאגט אז מיין לעבן איז נישט קיין לעבן ווער איך נישט נתפעל.

ווער איז דער מבין?

ווער איז דער עכטער מבין אויף זאגן משניות און ווער איז דער געמאכטער וואס קומט און גייט און גייט און קומט און ווערט פון יאר צו יאר אלץ א גרעסערער עקספערט אויף שריפת הזמן און אויף מסביר זיין פאר זיין ווייב אז זי האט יא די חסרון וואס מ'האט שוין דיסקאסט זיבן און א פערטל יאר צוריק דעם דריטן טאג חנוכה ביי די מעכטיגע פעמילי געדערינג וואס פארשפרייט אחדות אין די גאנצע משפחה.

ווער איז מיין מבין אויף זאגן משניות? מוהרא"ש? אדער מיין צווייטע חברותא פון חוזר חזרה פון שעות רצופות פון מיין מצוינים'דיגע ישיבה?

כ'מיין אז די אויסוואל איז קלאר.



# היכל הקודש נייעס

**אמעריקא**

## אנשי שלומינו העלפן ארויס דעם בית התבשיל






אין די טעג גרייטן זיך אידן מקיים צו זיין די פילע מצוות היום, מען וועט הערן קריאת המגילה, געבן משלוח מנות, זיך פרייען אינעם גרויסן טאג אז מיר זענען דא ביי מרדכי הצדיק וואס ראטעוועט אונז פון המן הרשע, מיר ווייסן פון אזעלעכע לעכטיגע עצות.

איינע פון די גרויסע מצוות היום איז מתנות לאביונים. אנשי שלומינו וואס טוען אזויפיל חסד א גאנץ יאר, ווילן זיכער מקיים זיין בהידור רב דעם גרויסן מצוה, וואס דאס וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף ערמעגליכט ווערן דורכ'ן אלעמען באקאנטן בית התבשיל.

דער בית התבשיל איז א גאנץ יאר די אדרעס פון פילע נויטבאדערפטיגע משפחות, דער בית התבשיל וואס טוט פארשידענע פעולות במשך דעם יאר אז אלע זאלן האבן פון אלעם גוטן, געט זיך ספעציעל אפ מיט די אידן וואס מוטשען זיך און קענען זיך נישט דעקן, בפרט פאר די תלמידי חכמים און לומדי תורה מתוך הדחק וואס באקומען כסדר שטיצע פון אנשי שלומינו דורכ'ן בית התבשיל אויף פארשידענע וועגן.

דער בית התבשיל לייגט אריין אין פילע גראסערי אקאונטס כסדר שיינע סכומים געלט, אז זיי זאלן קענען איינקויפן אלעס וואס זיי דארפן, אויך באקומען פילע משפחות שבת פעקלעך מיט אלעם גוטן לכבוד שבת, גרעיפ דזשוס, פיש, פלייש און אזוי ווייטער.

יעצט צום יום טוב פורים גרייט מען זיך אויסצוטיילן פאר די אלע משפחות גאר שיינע סכומים אין קעש, וואס וועט זיכער משפיע זיין אלע גוטע ברכות פאר אלע נותנים.

דער בית התבשיל לויפט היינט צו טאגס אויף א בודשעט פון איבער א פערטל מיליאן דאלער, וואס רעכענט אריין ארום דריי טויזעט דאלער א וואך אין וועכענטליכע שבת ארדערס, איבער דרייסיג טויזענט דאלער גרעסערע חלוקות פאר ימים טובים, בערך זיבעציג טויזענט דאלער פסח חלוקה וואס שטעלט צו מכל טוב וטוב טוב פלייש, גרעיפ דזשוס, מצות, פיש, גראסערי, וואס קומט אויס צו איבער א האלבע מיליאן דאלער א יאר.

אויסער דעם ווערן אפגעהאלטן אסאך חלוקות פאר כל הקהל הקודש ווי מען טיילט בחנם פילע נוצבארע אייטעמס בהרחבה גדולה, דאס אלעס קען מען בעזרת השם דורכפירן מיט די ברייטהארציגע נדבות פון אנשי שלומינו וואס זענען ווארים צום בית התבשיל וואס דער ראש ישיבה האט אויפגעשטעלט, עס ווערט אנגעפירט מיט גרויס געטריישאפט דורכן גבאי מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו, מ'קען אים רופן צו מנדב זיין אויף 845-637-5667, די גרינגסטע וועג צו מנדב זיין איז דורכן בארימיט "בי-פעי" (ברסלב פעי) סיסטעם, אין וואס דער בית התבשיל איז אנגעשלאסן.

רופט אריין מיט אייער ברייטהארציגע נדבה צו געבן פאר אנשי שלומינו וואס דארפן דאס וויכטיג האבן.

**כל הפושט יד נותנים לו**

## היכל הקודש
# נייעס

**וויליאמסבורג**

### די ברסלב׳ע בחורים וועלן משמח זיין פורים



אידן איבער די וועלט גרייטן זיך צום פריילינכן טאג פורים. דער הייליגער יום טוב ווען מען דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן אויף זיינע גרויסע חסדים בימים ההם בזמן הזה, ווען צוררי ישראל ווילן אונז מאבד און מכלה זיין, און טראץ די גרויסע הסתרת פנים, טוט דער אייבערשטער גרויסע נסים און ווען מיר זעען איין אז עס איז נישטא צו וועם צו גיין נאר צו אים און מען בעט דעם איינציגער באשעפער ראטעוועט ער אונז פון אלע וואס ווילן אונז שלעכטס טון.

אנשי שלומינו אזוי ווי אלע ערליכע אידן גרייטן זיך צום גרויסן טאג, ווען מען איז מרבה מיט צדקה, גמילת חסדים און אהבת ישראל, יעדער איינער לויט זיין וועג. די בחורים שטעלן זיך צוזאם אין גרופעס וואס וועלן אינאיינעם ארום פארן צו די שטובער פון אנשי שלומינו וועלכע ווילן האבן דעם תענוג רוחני זיך משמח זיין מיט די בחורים תלמידים פון די הייליגע ישיבה, מען וועט זינגען די שיינע ניגונים פון ראש ישיבה וואס וועט אויפלאמען דאס הארץ צום אייבערשטן אין דעם געהויבענעם טאג.

ווי מען זעט ווערט פון יאר צו יאר די פארלאנג גרעסער און גרעסער, פילע אידן ווילן האבן די ברסלב׳ע בחורים אין שטוב אום פורים, אבער במציאות איז נישט מעגליך אנצוקומען צו יעדעם, עס איז דא א באגרעניצטע צאל גרופעס, און די צייט איז זייער קורץ, דערפאר וועט מען מוזן באשטעלן די בחורים פאראויס, און נאר פאר א באשטימטע סכום צדקה פאר די הייליגע ישיבה וועט מען קענען קומען.

צו באשטעלן די בחורים קען מען רופן מו״ה שמעון פיש הי״ו אויף 917-232-9070. רופט וואס פריער, ווייל מען וועט נאר קענען אננעמען ביז ווילאנג די ליסטע ווערט פול.

**וויליאמסבורג**

### מסיבת הכרת הטוב דורך די רענט קאמפיין

א הערליכע מסיבת הכרת הטוב דורכן אלעמען באקאנטן ״רענט קאמפיין״ איז פארגעקומען פארגאנגענעם מוצאי שבת תרומה אין ישיבה, בהשתתפות דער ראש ישיבה שליט״א, צוזאמען מיט אנשי שלומינו פון אלע שטעט.

דער יושב ראש פונעם מעמד מו״ה אהרן וועבערמאן האט געעפענט דעם מלוה מלכה מיט הערליכע ווארעמע דיבורים, ארויסברענגענדיג וואס די רענט קאמפיין טראגט אינטער זיך, און איבער אלע פעולות וואס ווערט געטון דורך דעם רענט קאמפיין, וואס ווערט אנגעפירט דורך די צוויי חשובע אינגעלייט מו״ה אשר דוב אינדארסקי הי״ו און מו״ה שבתי דוד מארקוס הי״ו.

דערנאך האט מען געזינגען זמירות, אינמיטן איין זמר אינעם צווייטן האט מען ארויפגערופן דעם אלעמען באקאנטן משמח אלקים ואנשים מו״ה ישראל מיכל ראזענפעלד הי״ו צו משמח זיין דעם עולם מיט זיין געשמאקן הומאריסטישע שפראך, און ער האט נישט אנטוישט דעם עולם, ר׳ מיכל האט געמאכט זיכער אז אלע האבן א שמייכל אויפן פנים און גייען ארויס פריילעך, און פארשטייט זיך אויך מיט א מוסר השכל אויף למעשה.

שפעטער האט מען מיטגעהאלטן א לייוו פאנעל פון דעם באקאנטן ״חמין במוצאי שבת״ וואס מען קען הערן יעדן מוצאי שבת אויף קול ברסלב, דורך מו״ה אהרן וועבערמאן



הי"ו, און מו"ה יעקב פיש הי"ו, אויך הערט מען דארט יעדע וואך סיפורי צדיקים פון מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו און א שמועס מיט מו"ה משה עקשטיין הי"ו וואס פירט אן אין שטעטל א ארגענעזאציע צו גיין באזוכן אידן אין תפיסות.

יעצט לכבוד דעם שיינעם מעמד האט מען ארויפגעברענגט ר' אהרן, ר' יעקב, און ר' מנשה לייוו אויפן בימה, ווי מען האט פארפירט א שיינעם שמועס צוזאמען אזוי ווי יעדע וואך, ר' מנשה האט פארציילט הערליכע סיפורי צדיקים פון די צדיקים וואס די יארצייט געפאלט דעם וואך. ביים סוף האט מען געמאכט א גורל וואס ווער עס וועט ארויסקומען דער געווונער וועט קענען פרעגן א שאלה פונעם ראש ישיבה שליט"א, א שאלה וואס ער וואלט שוין לאנג געוואלט הערן דעם קלארן חוות דעת פונעם ראש ישיבה, און יעצט וועט ער האבן דעם געלעגענהייט, עס איז ארויסגעקומען דער געוואונער מו"ה לייב אפפעל הי"ו, ער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב מען דארף אריינקומען שמחת תורה אין שטאט, עס טוט זיך אויף דעם גאצעטע דעבאטעס א גאנץ יאר, ובפרט פאר שמחת תורה, צו מען דארף אריינפארן אדער נישט, דער ראש ישיבה האט אים געענטפערט אז ער גייט יעצט פארלערנען ברבים דעם לעצטן דף גמרא פון ירושלמי מסכתא פאה, און אינדערצווישן וועט מען שוין פארענטפערן די שאלה.

דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט דעם לעצטן דף און געמאכט דעם סיום, און דערנאך מעורר געווען דעם עולם צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא בבלי, און אז מען קען זאל מען לערנען אויך יעדן טאג א דף ירושלמי, דאס איז א זיכערע אינוועסטמענט וואס קיינער קען דיר נישט צונעמען. עס איז ליידער דא אינגעלייט אין די קהילה וואס האבן שוין פארלוירן ריזיגע געלטער פון שווינדלערס וואס האבן זיין גוט אריינגענארט אין זייער פאסקע מיט פאלשע אינוועסמענטס וואס איז קיינמאל נישט געווען אמת, אבער א דף גמרא דאס איז הונדערט פראצענט פארזיכערט.

ביים סוף האט דער ראש ישיבה גערעדט וועגן די שאלה אויב מען זאל אריינקומען אין שטאט שמחת תורה, האט דער ראש ישיבה געזאגט אויף דעם: "דאס איז זייער נישט קיין גוטע זאך צו קוקן אויף יענעם וואס יענער טוט, יעדער איינער דארף זען צו טון פאר זיך וואס ער האט צו טון, נישט אז יענער פלאנצט איין ביימערלעך פארנט פון זיין הויז און ער זאגט אז דער ראש ישיבה האט אים געזאגט דאס צו טון, מיינט נאכנישט אז דו דארפסט דאס נאכטון, יעדער איינער זאל טון וואס ער פארשטייט אז דאס איז גוט פאר אים. צו הערן מער דעם גאנצן שמועס רופט אריין קול ברסלב און הערט דעם גאנצן רייכן דרשה.

ביים סוף האט מען אויסגעטיילט פאר אלע וואס גיבן פרנס החודש, און פאר די אלע וואס גיבן שיינע נדבות במשך דעם יאר איז געווען אויסגעלייגט די מתנות אינדרויסן פון די מסיבה.

אלע וואס זענען געקומען צום מסיבה האבן באקומען דעם נייעם קונטרס "אויף שמחות" וואס איז יעצט צום ערשטן מאל ארויס פון דרוק. דער מסיבה וואס איז שוין די זיבעטע מסיבה, וועט זיכער בלייבן אין זכרון פאר א לענגערע צייט ביי אלע משתתפים.

**ארץ ישראל**

## נייע גליון "שיעורי חינוך" ווערט צוכאפט




פילע אידן זענען זיך מחי' טאג טעגליך מיט די דרשות און עצות וואס דער ראש ישיבה שרייבט און זאגט. בפרט איז באקאנט דעם ראש ישיבה'ס דרשות און בריון פאר מלמדים און מחנכים, ווי דער ראש ישיבה שליט"א קלארט אויס די שאלות און ספקות בעניני חינוך.

דאס איז אויסער די וועכענטליכע שיעור התחזקות וואס דער ראש ישיבה שליט"א גיבט פאר מחנכים, וואס האלט שוין יעצט ביי איבער הונדערט שיעורים, און בנוסף וואס דער ראש ישיבה זאגט עטליכע מינוט חיזוק פאר די מלמדים יעדן טאג נאכן שיעור גמרא אינדערפרי.

דערפאר האבן אנשי שלומינו אין ארץ ישראל באשלאסן ארויסצוגעבן מיטן אייבערשטנ'ס הילף א נייע וועכענטליכע גליון מיטן נאמען "שיעורי חינוך", ווי עס וועט יעדע וואך אראפגעברענגט ווערן אויסצוגן פון די דרשות, און בריון בעניני חינוך.

עס איז זיכער אז דער נייער גליון וועט צוכאפט ווערן דורך אידן איבער די וועלט, אזוי ווי דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט צום ארויסגעבן פונעם גליון **"הערליך שיין. דאס וועט מאכן א דורכבראך אין דער וועלט".**

**צו באקומען שיקט א אימעיל jhbul1234@gmail.com**



# "מעשיות פון תפילה"

### יענקי סאמעט - בית שמש:

פרשת ויחי האט דער ראש ישיבה געזאגט ביי א שיעור אז אויב מ'לערנט פערציג מאל מסכת תענית שובבי"ם איז עס א סגולה צו טרעפן א שידוך, ווי נאר איך האב דאס געהערט האב איך גלייך געטראכט אז איך וויל זייער שטארק מסיים זיין מסכת תענית דורכאויס די הייליגע טעג פון שובבי"ם, אבער פון די אנדערע זייט איז עס בכלל נישט קיין גרינגע זאך צו טון, ס'נעמט זייער לאנג און ס'קאסט אסאך כוחות.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען דורכלערנען גאנץ מסכת תענית יעדן טאג פון שובבי"ם, און שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו ענדיגן גמרא מסכת תענית פערציג מאל דורכאויס שובבי"ם.

### זלמן וויזל - ארץ הקודש:

מיין ווייב'ס גאלדענע רינגל האט זיך פארלוירן, זי האט געהאלטן אינמיטן פאקן סחורה אין ארבעט און פלוצלינג באמערקט זי אז די רינגל איז נישטא, מ'האט עס געזוכט אן אויפהער אבער נישט געקענט טרעפן, מיר האבן שוין אנגעהויבן טראכטן אז מ'דארף עס שוין נישט זוכן ווייל מ'גייט עס סייווי נישט טרעפן, ס'איז ממש אוממעגליך צו טרעפן א קליינע גאלדענע רינגל צווישן אלע באקסעס סחורה, גיי ווייס צו ס'איז אריינגעפאלן אין איינע פון די באקסעס און מ'האט עס שוין לאנג אפגעשיקט צו איינעם ערגעצוואו...

למעשה האבן מיר זיך נישט מייאש געווען, נאר געבעטן גאר אסאך דעם אייבערשטן מ'זאל עס טרעפן, אויך האבן מיר צוגעזאגט צען שקל פאר די מוסדות היכל הקודש אין ארץ ישראל על טהרת הקודש, און דער אייבערשטער האט געמאכט א נס, מיין ווייב האט עס געטראפן אין די מיסט קאסטן! שכח אייבערשטער פאר די אפענע נס.

### יואל לאנדא- קרית ברסלב:

א) מיין קרעדיט קארטל איז געווארן סטאק אינעם מאשין ביים נעמען געז, איך האב פרובירט אלע וועגן אבער עס האט נישט געארבעט, עס איז נישט ארויס, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל ארויסקומען, און גלייך נאכן בעטן איז עס ארויסגעקומען.

ב) איך האב פארלוירן מיין airpod איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, איך האב געזוכט א לאנגע צייט אבער נישט געטראפן, איך האב מיך נישט מייאש געווען, אבער פון די אנדערע זייט האב איך שוין נישט געטראכט אזוי פון עס טרעפן.

איין טאג בין איך געזיצן אינדערהיים אויפן קאוטש און פלוצלינג זע איך עס דארט ליגן, זעט אויס עס איז דארט אריינגעפאלן איינמאל און יעצט איז עס ברוך השם ארויסגעקומען.

ג) מיין טעלעפאון האט נישט געארבעט, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל צוריק אנהייבן ארבעטן, איך האב פרובירט אסאך וועגן אבער גארנישט האט געהאלפן, ביז איין טאג האט מיר איינער געזאגט וואס איך זאל טון אינעם טעלעפאון כדי עס זאל ארבעטן, און שכח אייבערשטער עס האט אנגעהויבן ארבעטן.

### נחמן נתן בוים - קרית ברסלב:

איך פלעג האבן שטארקע קאפ וויי יעדע זונטאג און מאנטאג, איך ווייס נישט פונקטליך פון וואס די קאפ וויי קומט, אבער יעדע וואך האט זיך דאס נאכאמאל איבערגע'חזר'ט, איך האב זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נישט האבן די קאפ וויי, שכח אייבערשטער עס טוט מער נישט וויי.

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט״א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, י״ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשע״ו לִפְרָט קָטָן**

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין פַאר דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים, דַארְפְן מִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; חֲזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָה א, ד): "**כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד - נוֹתְנִים לוֹ**", אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים - וָואס אַ אִיד בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט מֶען אִים; דֶערְפַאר דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוּן זֶען פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ.

פּוּרִים אִיז אַ צַייט פוּן "מִשְׁפָּחָה וּמִשְׁפָּחָה" (אֶסְתֵּר ט, כח); דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דַיין וַוייבּ וואוּ צוּ גֵיין פּוּרִים, נָאר זַיי אַ וַתְּרָן אוּן גֶעבּ נָאךְ. דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וִויל נָאר אַז מֶען זָאל זִיךְ קְרִיגְן - אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֶעס לְשֵׁם שָׁמַיִם רַחְמָנָא לִצְלָן.

זָאלְסְט זֶען אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם טָאג פַאר שָׁלוֹם, זִיךְ אִיבֶּער בֶּעטְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵייטְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "**בִּמְקוֹם מְרִיבָה - שָׁם הַשָּׂטָן**", דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ, דָארְט אִיז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם; אוּן פוּן דָארְט זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן, אֲפִילוּ מֶען וֶועט דִיר אַיינְרֶעדְן אַז דָאס אִיז אַ מִצְוָה, זָאג אִיךְ דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר: "**שְׁטֵיי וַוייט פוּן דִי סָארְט מִצְוֹת**", דוּ זָאלְסְט נָאר זֶען וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן אַ צְוֵייטְן, אוּן גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵייטְן, אוּן זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם קֵיינְמָאל נִישְׁט טְרָאגְן אָדֶער בְּרֶענְגֶען לָשׁוֹן הָרָע פוּן אֵיינֶעם אוֹיפְן צְוֵייטְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע רְדִיפוֹת פוּן אַ גֶעוִויסֶע רֶבִּי וָואס הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, אוּן אֵיינֶער פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען פַארְצֵיילְן דִי נֵייעֶס פַאר רֶבִּי נָתָן אַז דֶער ... הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דִיר אַזוֹי, אוּן דֶער ... הָאט אַהֶער גֶעזָאגְט, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן אַמָאל גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "דוּ בִּיסְט מַיין מִתְנַגֵּד, אוּן דוּ מַאכְסְט מִיךְ קְרַאנְק! **הֶער שׁוֹין אוֹיף מִיר צוּ בְּרֶענְגֶען לָשׁוֹן הָרָע**, וַוייל אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ הֶער נִישְׁט וָואס דֶער ... זָאגְט אוֹיף מִיר, נָאר וֶוען דוּ קוּמְסְט אוּן דוּ בְּרֶענְגְּסְט מִיר דִי נֵייעֶס מַאכְסְטוּ מִיר חֲלִישׁוּת הַדַּעַת". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי אַלֶע וָואס טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען, זַיי זֶענֶען דִי שְׁקָצִים, אוּן פוּן זַיי דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֶעלְן מִיט פְּרִיצוּת חַס וְשָׁלוֹם. פּוּרִים אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶער טָאג, אוּן אַז מֶען טוּט זִיךְ אָן נִישְׁט בִּצְנִיעוּת גֵייט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַוֶועק פוּנֶעם שְׁטוּבּ, אוּן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן שֵׂכֶל אוּן זַיין אֵיידְל מִיט דַיין וַוייבּ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "**צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים**", אַ פְרוֹי וָואס גֵייט בִּצְנִיעוּת וֶועט הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער; דַארְפְסְטוּ מֶער פוּן אַ הַבְטָחָה פוּן רֶבִּי'ן?! **אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט פַייעֶר.**

עֶס וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין אַ סְעוּדָה פּוּרִים נָאכְמִיטָאג אִין יְשִׁיבָה, זָאלְסְט זֶען צוּ קוּמֶען מִיט דַיין וַוייבּ, אָבֶּער אוֹיבּ דַיין שְׁוֶוער אָדֶער טַאטֶע מַאכְן אַ סְעוּדָה נָאכְמִיטָאג זָאג אִיךְ דִיר קוּם נִישְׁט, נָאר גֵיי עֶנְדֶערְשׁ צוּ דַיין מִשְׁפָּחָה. אוּן אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת אִין אַזַא הֵיילִיגֶער טָאג.

**אַ גוּטְן טָאג.**

# א שיחה
פון דער
## ראש ישיבה שליט״א



## דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים

אֵיין יָאר פּוּרִים הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן גֶעזָאגְט: מִיר שְׁטֵייעֶן הַיינְט אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג פּוּרִים וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן אַלֶעס גוּטְס; זָאלְסְטוּ זֶען אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אַז דֶער טָאג זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. אוּן זֶע צוּ דַאוֶוענֶען מִנְחָה פַאר דוּ טְרוּנְקְסְט זִיךְ אָן.

וֶוער עֶס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי מוֹהֲרָ״אשׁ פּוּרִים, הָאט גֶעזֶען וִוי אַזוֹי מוֹהֲרָא״שׁ נִיצְט אוֹיס דֶעם טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת. אֲפִילוּ מוֹהֲרָ״אשׁ אִיז גֶעזֶעצְן צְוִוישְׁן דֶעם עוֹלָם, הָאבְּן זִיךְ זַיינֶע לִיפְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שָׁאקְלֶען מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

זֶע צוּ בֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע אִידְן, אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן נָאר גוּטְס; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט זַיינֶע קְלֵיינֶע אָרֶעמֶע פָּשׁוּטְ'ע תְּפִילוֹת, קֶען עֶר הֶעלְפְן אַז אִידְן זָאלְן אַרוֹיס קוּמֶען פוּן שְׁפִּיטָעלֶער, אַז אִידְן זָאלְן אַרוֹיס קוּמֶען פוּן תְּפִיסָה, אוּן אַז אִידְן זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה.

אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דָא אַסַאךְ מְקַטְרְגִים אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס הַאלְטְן אִין אֵיין רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידְן, אוּן מֶען דַארְף מֶענְטְשְׁן וָואס זָאלְן מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן טַעְנָה'ן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִידְן זֶענֶען זֵייעֶר וואוֹיל אוּן גוּט; וואוֹיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּקְט גוּט אוֹיף אִידְן, אוּן זוּכְט אַ לִימוּד זְכוּת אוֹיף יֶעדְן אִיד, בִּפְרַט אִין דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג.



# א מַעֲשֶׂה פון א צדיק

## דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן תְּפִלָּה

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה מִיט דִי שְׁוֶועסְטֶער פוּן רֶבִּי יִצְחָק דְרוּבִּיטְשֶׁער זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, תֵּיכֶף נָאךְ דִי חוּפָּה אִיז דֶער חָתָן - דֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער נֶעְלָם גֶעוָוארְן, אוּן זַיין וַוייבּ דִי כַּלָה הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ עֶר אִיז, זִי הָאט גֶעוַוארְט אַפָּאר טֶעג אַז עֶר זָאל אַהֵיים קוּמֶען, אוּן וֶוען זִי הָאט גֶעזֶען אַז עֶר קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן זִי הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין, זִי הָאט אִים פַּארְצֵיילְט אַז זִי וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ אִיר מַאן דֶער חָתָן אִיז, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן עֶר הָאט אִיר גֶעהֵייסְן צוּרִיק קוּמֶען נָאךְ אַפָּאר טֶעג.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וואוּ רֶבִּי נַחְמָן אִיז בַּאהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שְׁלִיחַ צוּ אִים אַז עֶר בַּאפֶעלְט אִים עֶר זָאל תֵּיכֶף קוּמֶען צוּ אִים. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פָארְגֶעהַאלְטְן: "הֲיִתָּכֵן צוּ טוּן אַזַא זַאךְ, צוּ מְעַגֵן זַיין אַ פְרוֹי גְלַייךְ נָאךְ דִי חוּפָּה?!" הָאט עֶר גֶעעֶנְפֶערְט אַז עֶר זֶעט בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז עֶר וֶועט הָאבְּן מִיט אִיר אַ קִינְד, אָבֶער תֵּיכֶף וֶוען דֶער קִינְד וֶועט גֶעבּוֹירְן וֶוערְן וֶועט זִי שְׁטַארְבְּן, אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִירֶע יוּנְגֶע יָארְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מִיךְ בַּאהַאלְטְן אַז זִי זָאל נָאךְ קֶענֶען אַבִּיסְל לֶעבְּן.

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אִיר גֶעלָאזְט רוּפְן אוּן עֶר הָאט אִיר פַארְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַז דֶער חָתָן הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן וַוייל עֶר וִויל נִישְׁט זִי זָאל אַזוֹי יוּנְג נִפְטָר וֶוערְן. הָאט זִי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ מַיין מַאן אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶר קֶען זֶען וָואס גֵייט זַיין, בִּין אִיךְ מַסְכִּים טְרָאגֶעדִיג צוּ וֶוערְן אוּן הָאבְּן אַ קִינְד פוּן אִים", אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, רֶבִּי נַחְמָן אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר, אוּן זִי הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ וַוארְטְן אַ קִינְד, בִּשְׁעַת זִי הָאט גֶעבּוֹירְן דָאס קִינְד הָאט זִי זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נֶעם מִיר נִישְׁט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט פַאר אַ חוֹדֶשׁ, וַוייל אִיךְ וִויל זֶען מַיין קִינְד, אוּן זִיךְ מִיט אִים מְשַׁעֲשֵׁעַ זַיין אַבִּיסְל", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זִי הָאט גֶעלֶעבְּט אַ חוֹדֶשׁ, אוּן נָאכְדֶעם אִיז זִי נִפְטָר גֶעוָוארְן.



הָאט רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער גֶעזָאגְט: "אַ שָׁאד זִי הָאט נָאר גֶעבֶּעטְן צוּ בְּלַייבְּן לֶעבְּן אַ חוֹדֶשׁ, וֶוען זִי וָואלְט וֶוען גֶעבֶּעטְן אַז דִי גְזֵירָה זָאל אִינְגַאנְצְן בָּטֵל וֶוערְן, וָואלְט עֶס אִינְגַאנְצְן בָּטֵל גֶעוָוארְן - וַוייל זִי הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן, מִיט אַזַא צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, אַז זִי וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט מְבַטֵל זַיין דִי גְזֵירָה". זֶעט מֶען ווִי שְׁטַארְק תְּפִלָּה אִיז, אַז מֶען קֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן מִיט תְּפִלָּה.

(עצתו אמונה ברכה תשע"ח)





# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס
# לֶעבֶּנְסגֶעשִׁיכְטֶע

| פארזעצונג |

- כ"ג -

**פארזעצונג פון פריער:** ווען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּאקַאנְט מִיט אוֹיף דֶער וֶועלְט זַיין גְרוֹיסְקֵייט, אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיבֶּער זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן מַעֲלוֹת צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען, פְלֶעגְט עֶר אַלְץ צוּלֵייגְן "אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְּלָאגְט אוֹיף דֶעם, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר פִיל גֶעפַאסְט".

***

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט אֵיינֶעם אוּן זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן פַאר יֶענֶעם מִיט זַיינֶע גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת אוּן מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס עֶר אִיז צוּקוּמֶען, אַזוֹי ווִי אֵיינֶער רֵייצְט זִיךְ מִיט זַיין חַבֵר אוּן דֶערְצֵיילְט אִים זַיין גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה אַז יֶענֶער זָאל אִים מְקַנֵא זַיין.

דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ דַאן אָנְגֶערוּפְן צוּם רֶבִּי'ן, "וֶוער קֶען דֶען צוּקוּמֶען זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ אַייעֶרֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן מַעֲלוֹת? אִיר הָאט דָאךְ זִיכֶער גָאר אַ הוֹיכֶע אוּן גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה!"

הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ דַאן זֵייעֶר גֶעבֵּייזֶערְט אוֹיף יֶענֶעם אוּן גֶעזָאגְט, "דָאס אִיז עֶנְקֶער פְּרָאבְּלֶעם, אַז אִיר מֵיינְט אַז דָאס וָואס דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת קוּמְט פוּן דִי הוֹיכֶע נְשָׁמָה וָואס זֵיי פַארְמָאגְן. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער בִּכְלַל נִישְׁט אַזוֹי, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ, זָאל זַיין וֶוער סְ'זָאל נָאר זַיין, קֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי זֶעלְבֶּע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען, אוּן זַיין מַמָשׁ דִי זֶעלְבֶּע ווִי מִיר, ווַייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין וִויפִיל מֶען הָארֶעוֶועט אוּן מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

אֵיינְמָאל סוֹף יָמָיו הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען אִיז נָאר גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט ווִי אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, עֶר הָאט פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִילִים פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט, אוּן נָאר דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶעס וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעווּאוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן פוּן מִיר דָאס וָואס אִיךְ בִּין יֶעצְט, אַז אִיךְ וֶועל וֶוערְן אַזַא גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן אִין אֵיין טָאג דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין אַ גַאנְצֶע יָאר". דָאס מֵיינְט אַז עֶר וָואלְט זִיךְ פִיל מֶער אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ רֶעדְן נָאךְ מֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וָואלְט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג, דָאס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִין אַ גַאנְצֶע יָאר.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי אַ גָאר פָּשׁוּטֶער אִיד, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אֵיי אֵיי פְּרָאסְטַאק", ווִי עֶר בֶּענְקְט צוּ דֶעם צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט אוּן פְּרָאסְט, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אוּן גְרוֹיסֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת, נָאר זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ פָּשׁוּטֶע שְׁפְּרַאךְ ווִי אַ פָּשׁוּטֶער אִיד.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אוּן זֵיי אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ פָּשׁוּטֶע שְׁפְּרַאךְ.




אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ מֶער גֶעשְׁטַארְקְט אִין דִי עֲבוֹדָה, צוּ רֶעדְן גָאר אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּ אִים. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז סְ'אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער דֶעמָאלְט דָאס צוּ טוּן, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים אוֹיס, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזֶען אוּן גָארְנִישְׁט גֶעפִילְט, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ גֶעדַארְפְט זֵייעֶר שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אָן קַיין גֶעפִיל.

עֶר הָאט דַאן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ בַּאווַייזְן פַאר אִים, אַז עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ זַיינֶע תְּפִלוֹת, אוּן דַאן הָאט אִים פַּאסִירְט דְרֵיי מַעֲשִׂיוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעווִיזְן אַ נֵס.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**גענומען פון ספר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"**



# מ'נעמט איין די וועלט

ישראל דוד העסקעל

**קוק** אים אן! ער פארשעמט די תורה! זאל איך עפעס זאגן? ס'פאסט דאך ממש נישט... ס'האט נישט קיין הסבר אפילו... מילא אז ס'איז נאר אויסגעריבן - קען מען זאגן אז ער האט נישט קיין געלט פאר א נייע אבער פארוואס דארף איך זען אז ער האט היינט צופרי געגעסן אוועקאדא פאר פרישטאג?

כ'מיין ווי שווער איז שוין צוריק צו נייען צוויי קנעפלעך? ער זעט דאך אויס חרוב ונחרב... ער שלעפט זיך אזוי' ארום דו גאנצע שטאט ס'גייט א גערוך ה' ירחם... אז ער וויל זיך אליינס פארשעמען מילא... אויב וויל ער נאר פארשעמען זיין שווער זאל זיך זיין שווער מיט אים אן עצה געבן.... אבער ער איז א אינגערמאן א יודע ספר ס'איז פאר יעדן באקאנט אז ער איז א תלמיד חכם ער דארף וויסן אז מ'קען זיך נישט אזוי פירן...

איך קען זיך נישט מער איינהאלטן איך גיי צוגיין צו אים! איך טראג זיך שוין צוויי וואכן ארום מיט די בויך ווי' זאל איך יא זאגן זאל איך נישט זאגן...

דאס איז עס, איך מיין נישט אים פערזענליך צו טשעפען איך מיין דא ריין כבוד התורה...

די מוח לויפט אים און לויפט אים, ער פארענטפערט זיך טויזנט מאל פארוואס ער גייט זיך אריינמישן אין עפעס וואס האט גאאאאארנישט מיט אים...

ער שטייט שוין פארנט פון אים -

זאג נאר ר' איד... ס'איז אפשר נישט מיין געשעפט זיך צו מישן אבער עהעם... איך מיין... אז... דו גייסט אזוי' שמוציג דו ביסט דאך א תלמיד חכם... ס'פאסט באמת נישט! דו ווייסט דאך יא די חשיבות פון תורה... דאס איז נישט קיין וועג...

דער אינגערמאן געבט זיך א שמייכל אונטער און זאגט אים:

"הער מיר צו איך בין אלץ געגאנגען זייער זויבער אנגעטאן און קיינער האט מיך גארנישט געזאגט... איין טאג האב איך געכאפט עפעס אן אומבאמערקטע פלעק... און פלוצלונג ווייסן אלע צו זאגן ווי א גרויסער תלמיד חכם איך בין... זייט דעמאלט האב איך באשלאסן דאס איז עס! מיין רעקל גייט שוין מער קיינמאל נישט אין וואש מאשין!"

לענינינו...

דרייט זיך א אינגערמאן ער טרעפט זיך נישט דאס פלאץ... ער זוכט עפעס מער... ער זוכט איינער וואס רעדט "צו אים" ער האלט נישט אויס די ליידיגקייט וואס גייט אויף אים אריבער ער קומט און גייט און ווייסט אליין נישט פארוואס... קיינער קוקט זיך נישט אום



אויף אים...

פלוצלינג...

האט מען פון הימל רחמנות געהאט אויף דעם אינגערמאן און אויף עפעס אן אופן האט ער אנגעטראפן היכל הקודש, ער האט געטראפן די זיסע לעכטיגע עצות פון דער ראש ישיבה, ער ווערט אויפגעלעבט, ער האט פלוצלינג א תכלית, ער איז פרייליך, זיין לעבן האט באקומען א דירעקציע ער ווייסט שוין פונקטליך וואו ער קומט און וואו ער גייט...

אבער אזוי ווי ער ווערט אויפגעלעבט פלוצלינג קומט די גאנצע ארום צו לויפן מיט די שטארקע טענה:

אויייי ביזט דאך אזאאא נאאאארמאלע מענטש!

יוווויש! יארן דריי איך זיך כ'ווייס נישט וואס טוט זיך מיט זיך, איך האב נישט קיין אנונג וואס איך זוך דא בכלל... פשוט ווי א פארלוירענער... און קיינער זאגט מיר גארנישט, אלעס איז אקעי...

אבער אזוי ווי איך טרעט נאר איבער דעם שוועל פון היכל הקודש ברסלב, צו די זיסע יאממי חיים טובים, פלוצים וועקט זיך די גאנצע ארום אויף "ביזט דאך אזא נארמאלער מענטש! עס איז נישט פאר דיר, ביזט דאך העכער פון דעם".

א גוט מארגן! וואו זענט איר געווען ביז היינט? איך האב נאך קיינמאל נישט געהערט אז דו זאלסט מיר רופן א נארמאלער מענטש!?

שוין! ווייטער שרייבט ער וועגן די נארמאלע מענטשן!?

יא אזא קאמפלעקס האב איך, אז איך האב שוין צו פיל מאל באשריבן די פני הדור די נארמאלע מענטשן און איך קען נישט מחליט זיין, זאל איך נאכאמאל שרייבן וועגן דעם?!

איך גיי מאכן התבודדות - הייליגער טאטע פיר מיך, וויז מיך וואס איך זאל שרייבן!

תוך כדי דיבור קומט צו צו מיר איינער: "אההה ס'מאכסטע? זאג מיר - איך קען נישט פארשטיין וואס איז די מעשה מיט דיר - האסט נישט געקענט גיין צו א נארמאלער פלאץ? דווקא צו די משוגעים האסטו געמוזט גיין?"

איך וואלט אייך דא געגעבן א פיינע דעסקריפשן פון דעם אידל פונקטליך ווי "נארמאל" ער איז... און וואס ער רופט אן נארמאל... אבער איך האב מורא אז נאכדעם וועט מען שוין נישט וועלן דרוקן דעם ארטיקל... אבער נוצט אייער כח הדמיון און גייט גאר עקסטרעם... יא פונקט אזוי קוקט ער אויס אבער ער האט דעות....

בקיצור איך דאנק דעם אייבערשטן פאר די קלארע סימן און איך שטעל זיך ווייטער דאוונען.

שפעטער יענעם טאג קלינגט מיר אריין מו"ה יונה זאבעל הי"ו מיט א געדאנק... די ווערטל מיט וואס איך האב אנגעהויבן! שכח אייבערשטער!

יענע נאכט האב איך געהאט א חתונה וואס איך האב געדארפט גיין זאגן מזל טוב. די זאל איז געווען א האלבע שעה אוועק פון סטעמפפארד הילל, איך קום אן און זאל טרעף איך אינדרויסן אין די לאבי צווי באקאנטע, ביידע קומען צו צו מיר און זאגן מיר: אונז האבן יעצט גערעדט וועגן דיר!

וואס?

דו ביסט דאך אין היכל הקודש... דו ווייסט דיין ראש ישיבה זאגט אלץ אויף מענטשן וואס רייסן זיך אויף מיט צודרייטער חתונות אז אלע שושבינין זיצן ביים טיש און רעדן נאר ווי א גרויסע בעיבי דער מחותן איז... און וויפיל משפחות וואלט מען וועגן געקענט אויפרעכטן מיט די געלט וואס ווערט דא פארברענט...

דאס איז די חתונה וואס ער רעדט וועגן!

איך קוק זיי אן... ווי ווייסט עטץ וואס דער ראש ישיבה זאגט אלץ? זייט ווען הערן ענק די לעכטיגע שיעורים?

ברוך השם, טראכט איך צו זיך! די וועלט לעבט אויף דעם רבינ'ס חיזוק ווער ס'וויל קען חוזק מאכן... מאך מיט הענט מעה... שטויס מיט די פוס... נעם דיך ווארפן בייזע קללות... ס'וועט דיר גארנישט העלפן! ס'איז א פאקט - די וועלט לעבט פונעם רבינ'ס חיזוק!

בקיצור איך גיי אריין אין זאל, און אן צו פיל מאריך זיין, די צווי אינדרויסן האבן נישט





מגזם געווען... משוגע איז ווייניג געזאגט... אזוי ווי איך פרוביר ארייננצונעמען די מצב... הער איך ווי דער זינגער זינגט - ממלא כל עלמין וסובב על עלמין אין שום מציאות מבלעדיך יתברך כלל...

וואאאס?! דא? ביי אזא חתונה זינגט מען נאך מוהרא"ש'ס הייליגע תנועה! דאס הייסט אז די וועלט - יא! די גאנצע וועלט לעבט אויפן רבי'נס חיזוק! דאס לעצטע פלאץ וואו איך האב געטראכט אז איך וועל הערן דעם ניגון...

איך שטיי אינדרויסן איך ווארט די 'וועלעי' זאל מיך ברענגען מיין קאר, קומט צו צו מיר אביסל אן עלטערער איד און פרעגט מיר אויב ער קען אפשר כאפן מיט מיר א היטש צוריק אין שטאט צו איך האב פלאץ פאר אים מיט זיין ווייב?

זיכער!

דער גוי ברענגט מיין קאר, איך זעץ זיך אריין, איך צינד ניגונים פון דער ראש ישיבה.... דער איד קומט אריין אין קאר, למעשה האט נאך איינער אויך געוואלט קומען... געזונטערהייט...



אינמיטן וועג הייבן זיי אן שמועסן אז די חתונה איז שוין "טאקע" געווען משוגע... אבער ער גיבט אזוי פיל צדקה... און דו ווייסט וויפיל ער האט געטיילט אין די קאראנע טעג? זיי זאגן ממש מיליאנען! אקעי ער וויל א "שיינע" חתונה... וואס, ער מעג נישט... ער טוט גארנישט שלעכט! און נאכדעם קומט די פסק - אויב געבט ער אזוי פיל צדקה מעג ער טאקע, דו ווייסט וואס?! גוט פאר אים, א מענטש מעג ענדשויען זיין געלט!

א בראך טראכט איך צו זיך... באמת?! דער צובראכענער אינגערמאן וואס טרעפט א צדיק ער טרעפט איינער וואס ווייזט אים ווי אזוי ער קען זיין אן ערליכער איד - דער איז נעבעך נישט קיין נארמאלער מענטש! און דער צודרייטער גביר וואס ווערט משוגע פון האבן אזוי פיל געלט - ער איז נארמאל?!

די גרויסע מצוה פון צדקה און זיינע זכותים נצחיים פון די גרויסע צדקות וואס מ'זאגט אז ער טיילט... איז א געוואלדיגע זאך, אבער פארענטפערט עס צו פארברענען מיליאנען (ליידער נישט קיין גוזמא) אויף פינף שעה??

אזוי פארנדיג פרעגט מיר דער איד "ביי וועם זענט איר אן איידעם?...." ביז צוויי מינוט זענען מיר שוין ברוך השם געווען מחותנים (כנהוג).... "און וואו דאווענסטו שבת?"

אין היכל הקודש ברסלב - מ'האט יעצט געעפנט א נייע שול געלויבט דער הייליגער באשעפער! דארט דאווען איך!

אזוי, ווער פירט עס?

ס'נאך א קליינע שול ביזדערווייל, און דער ראש ישיבה האט געשטעלט צוויי גבאים צו פירן דער פלאץ.

דער ראש ישיבה?! ווער הרב רוטה? מיינסט עס נישט אמת'דיג! מ'האט געעפנט א שול? פשיהא! איך ליין אסאך די בריוו פון דער ראש ישיבה, ס'איז אזעלכע חיזוק, ער טוט דאך מורא'דיגע זאכן איך בין זיך ממש מחי' מיט דעם!

יעצט פארשטיי איך שוין די מוזיק, לאכט ער זיך אונטער... איך פריי זיך ממש צו הערן אז ס'איז דא א שול, זייער שיין!

איך לאז אים אראפ ביי זיין הויז - שכח א גוטע נאכט - אויף שמחות.

א מין אינטערעסאנטע נאכט...

איינער איז זיך מחי' מיט די דרשות און ווערט א נייער מענטש, ער הייבט אן לערנען און דאווענען פון די דרשות און חיזוק וואס מען הערט אין היכל הקודש, ווידעראום דער צווייטער קוקט עס אן ווי א בית משוגעים, און עס איז ביי אים א גאנצע געשפעט און א חוזק. מען דארף אבער אלץ געדענקן דע מאין באת ולאן אתה הולך... וואס איז א חילוק וואס יענער זאגט? דו ווייסט וואס דו באקומסט און פארוואס דו ביזט געקומען... און געדענקט ווי אזוי - ער - דער נארמאלער מענטש קוקט אויס און ווען ער קוקט אן נארמאל....

מ'זעט בחוש ווי צוביסלעך אויף אזא אופן צו אויף אזא אופן רייסט זיך אריין דעם רבי'נס חיזוק אין די גאנצע וועלט און דאס איז אזא חיזוק פאר אלע מפיצים וואס גייען הפצה, אן צו זען גראד די פירות!

מחנה
איל‍ן
הרחיים
מוסדות היכל הקודש ברסלב
בנשיאות מורינו
הראש ישיבה שליט"א

# מחנה אילן החיים

## ליבערטי ניו-יארק

# א מחי' איך צו מתברך זיין אינטער די ביימער

## א פריילי‍כע מעלדונג

מיט גרויס פרייד טוען מיר מודיע זיין
אנשי שלומינו,
אז מען קען שוין דינגען
**א באנגעלוי**
אין מחנה אילן החיים פארן
קומענדיגן זומער הבא עלינו
לטובה.

צו דינגען א באנגעלוי רופט:
מו"ה ישעי' איידליס הי"ו 347-831-1391

# קלאסיפייד'ס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## קרית ברסלב ספרים סטאר

51 Twin Bridge Liberty NY 12754

עס איז יעצט דא א גרויסע סעיל אויף
עוז והדר מנוקד ש"ס
רעגעלער $925 יעצט $775

מיר האבן א גרויסע אויסוואל פון פורים זאכן
פאר אייך און די גאנצע משפחה
מגילה זאגערס, מגילה האלטערס, ביכלעך, און נאך.

אויך האבן מיר ציצית געקניפט מיט תכלת.

לייבי ראטה
347-578-4449

## בשורה טובה!

א פוס דאקטאר וועט אראפקומען אין
שטעטל, דאנערשטאג כי תשא פאר קינדער און
ערוואקסענע וואס קענען געניסן פון ספעציעלע
**orthopedic wear**

זיך איינצושרייבן ביטע רופט
(845) 859-9800
צווישן 12:00 און 6:00
די אנדערע צייטן ביטע לאזט א קלארע
מעסעדזש מיט אייער נאמען און טעלעפאן
נומער און מיר וועלן אייך אי"ה צוריק רופן.

פלאץ איז באגרעניצט, שרייבט אייך איין וואס פריער!

דאס איז נאר פאר די וואס זענען נישט געווען אין די זומער.

בס"ד

## KB BUSINESS SOLUTIONS

BOOKKEEPING SERVICES

We take care of all your bookkeeping and billing needs

Ephraim Feldman
845-587-2421
kbbsbookkeeping@gmail.com

Luxury beautiful 4 bedroom apartment to rent out in Shtatel for passover
Please call
845-866-6764



# קלאסיפייד

ברסלב
שטיצט ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*


## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244
יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618
יואל וועבערמאן – 845-662-8423
יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122
אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566
ראובן בירנבוים – 347-549-5625
גרעסערע דירה 845-637-5367



## PLUMBING SERVICE

For all your plumbing needs
Specializing in:
New construction• camps and
country's • booster pumps •
waterworks and more

Call LAZER MAINTENANCE
**917-202-1206**



א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א
שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין
ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש
עצתו אמונה.
אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.
רופט לייבי ראטה
347-578-4449



## השבת אבידה

מיט גרוים פרייד טוען מיר
מעלדן די עפענונג פון א השבת אבידה
שטיבל אין שטעטל, ווי מען וועט קענען
טרעפן פארלוירענע חפצים און אזוי אויך
קענען אראפלייגן א חפץ וואס מען האט
געטראפן, און אזוי ארום ארייננכאפן א
מצוה פון השבת אבידה.

די נומבער אריינצורופן איז
**845-243-0604**



LOUNGE
computer + comfort

מיד ווילן לאזן וויסן אז עס איז שוין דא
אהערגעשטעלט פיינע קאפי אינעם לאונטש.

אויך ווילן מיר לאזן וויסן אז די קרעדיט קארט
ביים וועדניג מאשין ארבעט שוין.

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך




פורים ביי מוהרא"ש זי"ע - שנת תשס"ט

1. מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו
2. מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו
3. מו"ה פנחס דוד וועבערמאן הי"ו
4. מו"ה קלמן וועבערמאן הי"ו
5. מוהרא"ש זי"ע

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל**

מ. פאפנהיים


# א פרייליכן(?) פורים!

**ביילי:** העלא פריידי! ס'טוט זיך?

**פריידי:** ברוך השם! געססלויבט דעם באשעפער! וואס מאכסטו?

**ביילי?** האסט דערהאלטן די קרית ברסלב בלעטל וואס איך האב דיר געשיקט?

**ביילי:** יא, שכח, כ'האב עס איבערגעבליקט, ס'איז גאנץ אינטערעסאנט, איך פארשטיי שוין אביסל וואס ברסלב כאפט דיר, נאר איין זאך וויל איך וויסן, 'די ווייסמאנדל וואס שרייבט דארט - זי איז א נארמאלע פרוי"?

**פריידי:** פארוואס טראכסטו אז נישט?

**ביילי:** כ'ווייס? זי שרייבט דארט אז אין זכות פון אסתר המלכה האבן אונז דעם ליבן יום טוב פורים, האסט שוין געזען א נארמאלע פרוי זאל זיך פרייען אז ס'קומט פורים?

**פריידי:** וואס הייסט? דיינע קינדער טאנצן נישט ביזן דאך אז עס איז שוין חודש אדר?

**ביילי:** קינדער איז א צווייטע זאך, פורים איז א יום טוב פאר מענער און קינדער. איך אליין, צייל די טעג ווען דער פורים גייט זיך שוין ענדיגן. דעריבער טראכט איך, אז אדער איז די ווייסמאנדל נאך א מיידל, אבער ס'זעט נישט אויס ווייל זי שרייבט דארט צו טיפע זאכן, אדער האט זי פשוט שכל פון א קינד.



**פריידי:** איך קען איר דווקא, זי איז זייער א וואוילע פרוי, ממש נישט קיין פאר'תמ'טע, און זי האט אויך קליינע קינדער פונקט ווי מיר און דיר.

וואס איז דיר שווער פורים, די מגילה ליינען? די סעודה? אפשר משלוח מנות טראגן?

**ביילי:** עה... ווען ס'וואלט זיך אפגעשטעלט ביי מגילה ליינען וואלט געווען גוט, און די סעודה ווער עסט בכלל א סעודה? ווער האט צייט פאר דעם? דו ווייסט וואספארא טראומא איך האב פון די לעצטע פורים? די פריערדיגע יאר האב איך שוין פון חנוכה גענייט פארשטעלאכץ און צוגעגרייט משלוח מנות, יעצט איז א וואך פאר פורים און איך האב נאך גארנישט געטון, איך קען נישט טראכטן אז ס'גייט שוין נאכאמאל זיין.

**פריידי:** איך בין שוין זייער נייגעריג וואס ס'איז געווען, אפשר בין איך אריבער א ערגערע פורים?

**ביילי:** ניין, ערגער פון מיר קען נישט זיין, הערט זיך צו, כ'האב פארשטעלט מיינע קינדער אלע ווי שניי מענטשן, די פארשטעלאכץ איז ארויס הערליך, פאר משלוח מנות האב איך צוגעפאסט אלע מיני שניי קיכעלער, תענית אסתר איז אלעס געווען פערפעקט.

פורים צופרי האט אלעס געקלאפט ווי א זייגער, די קינדער האבן אפגעטראגן משלוח מנות פאר אלע שכנים. בקיצור... די קאמפלימענטן זענען געפלאסן, ביז... מיין יאנקעלע איז געווארן הונגעריג, כ'האב זיי נישט געגעבן געהעריג פרישטיג וויל כ'האב נישט געוואלט אז די שניי ווייסע מענטשעלעך זאל ווערן שמוציג, האט ער אויפגעריסן א פעקל שאקאלאד - פרעג מיר נישט פון וואו ער האט עס פארשאפט - און ער ווערט מיר פלוצלונג א גוטער ברודער, און טיילט אויס פאר אלע קינדער! ביז צוויי מינוט קומען זיי צולויפן צו מיר, שאקאלאד מענטשעלעך אנשטאט שניי מענטשעלעך...





**פריידי:** הא... הא... הא... עכטע צולאזטע שניי מענטשעלעך...

**ביילי:** לאך נישט... כ'האב געוויינט, וואס טו איך דא מיט זיי? איך דארף יעצט נאך ארומגיין צו אלע באבע'ס? איך גיי דיר נישט דערציילן וואס כ'האב געשריגן אויף זיי.

איך רוף מיין מאן היסטעריש ער זאל שוין אהיימקומען דא העלפן, קומט ער מיר אהיים שוין האלב אנגעטרונקען. וואס גייט דא זיין? פאר די באבע'ס האב איך צוגעגרייט גרויסארטיגע טעץ, אנגעפאקט רויט - ווייס און צוגעפאסט, פורים כפורים... כשלג ילבינו... פרעג נישט...

**פריידי:** אבער וואס האסטו געטון? וויאזוי איז עס אנגעקומען צו זיי?

**ביילי:** האב איך אנגערופן מיין שוועגערן, זאגט זי מיר, פונקט גוט, יעצט גייען זיי אפפארן צו אונזער באבע און זיי קענען אונז קומען אויפפיקן, מיין שוואגער האט אראפגעטראגן די טעץ, און ברוך השם מיר זענען אויפן וועג, ביים אנקומען האבן אלע שאקאלאד שניי מענטשעלעך ארויסגעטאנצן פון קאר, און מיין מאן האט גענומען די טאץ צו ארויפטראגן צו מיין באבע, איך בין געשטאנען אין די זייט און געציטערט עס זאל אנקומען גאנץ, פלוצלונג געבט זיך די טיר א פראלע אויף און מיין פעטער שפרינגט ארויס גוט אנגעטרונקען, און שרייט אויס: 'א גוט פורים! יודלי!' מיין מאן האט נישט געדארפט מער, אין איין

האנט האלט ער די טאַץ און מיט די צווייטע נעמען זיי זיך ארום, און הייבן אן טאנצן, תשועתם - היית - לנצח... איך האב געגעבן אזא קוויטש: 'געב - אכטונג - אויף - די - משלוח מנות!!!

ווען אונז וואלטן נישט געווען אין גאס, וואלט איך אים אזוי באוואשן, אז פון מיינע קולות אליין וואלט ער געווארן ניכטער...

> איך האב געגעבן אזא קוויטש: 'געב - אכטונג - אויף - די - משלוח מנות!!! ווען אונז וואלטן נישט געווען אין גאס, וואלט איך אים אזוי באוואשן, אז פון מיינע קולות אליין וואלט ער געווארן ניכטער...

**פריידי:** אבער וואס איז געווארן? עס איז אנגעקומען בשלום צום סוף?

**ביילי:** אוי... וואס בשלום... עפעס א זכר פון רויט - וויס... מיט ברוינע שני מענטשעלעך... פונקט איז מיין מומע דארט געזעסן... יענע מומע... זי גייט די ברילן אויפן שפּיץ נאז, און קוקט אויף יעדן פון אויבן אראפּ... איך האב געמעטשט צו די משלוח מנות... עפעס א זכר פון רויט - וויס... בעסער נישט צו רעדן... מער געדענק איך נישט... איך וויס נישט וואו אונז זענען געגאנגען פארדעם... וואו נאכדעם ווי אזוי אונז זענען אנגעקומען אין שטוב...

**פריידי:** אוי... אוי... אוי... באמת שרעקליכע בושות...

**ביילי:** יעצט גייסטו מיר זאגן אז אין ברסלב איז עס נישטא?? ביי ענק קלאפּ דער פורים אויפן זייגער, די קינדער שטעלן זיך צו, די מענער טרינקען נישט, די פרויען זענען פרייליך...?

**פריידי:** עם... קוק אהער... פורים קלאפּט נישט, אזוי גייט עס (גיי זיי איך מסביר אז מען מאכט לכתחילה נישט קיין פלענער)

אבער מען קען זיין פרייליך אויך ווען אלעס גייט פארקערט...

**ביילי:** יא??? ס'זעט מיר אויס אז דו ווייסט נישט וואס דו רעדסט! דיין פורים האט אויסגעקוקט אזוי ווי מיין פורים?

**פריידי:** נישט אזוי ווי, נאר אסאך ערגער (ערגער? בעסער!)...

**ביילי:** עס קען נישט זיין!!!

**פריידי:** הער זיך צו, איך בין פארשלאפן פורים צופרי, מיין בעיבי האט געוויינט א גאנצע נאכט, איך שטיי אויף מיט האלב פארקלעבטע אויגן און איך זע איך האב פארשפעטיגט מגילה ליינען, שיק איך מיין שלמה'לע פרעגן ביי די שכנים ווען עס איז דא נאך א מגילה ליינען, קומט ער צוריק מלא שמחה אז דער שכן גייט ליינען די מגילה א האלבע שעה ארום פאר זיין מאמע.

שכח אייבערשטער פונקט גוט, איך שטעל שנעל ארויף די עסן אויפן פלאם, איך ווארף צו פאר מיינע קינדער די פארשטעלאכץ, און איך לויף ארויף...

הערסטו... א עלטערע פרוי, זי הערט שוין נישט גוט, און איר געטרייער זון האט איר איבערגעליינט יעדע צווייטע ווארט, די מגילה ליינען האט געדויערט כמעט צוויי שעה!

**ביילי:** באשעפער אין הימל! האסט נישט געפלאצט?

**פריידי:** אוי ווי איך האב געפלאצט! איך קום צוריק צו א איבערגעדרייטע הויז... צוגעברענטע עסן... געזונטע לעבעדיגע האלב פארשטעלטע קינדער...

**ביילי:** וואס האסטו געטון? ס'איז זיכער געפלויגן פעטש און קולות אויף אלע זייטן...

**פריידי:** איך האב געזען אז דער מצב איז ביטער, האב איך זיך די ערשטע זאך געזעצט עסן פרישטאג, אלע קינדער זענען געקומען צו לויפן, איך האב אויפגעשניטן א חלה,



אויסגעטייטלט יאגורט'ס, שוין... יעדער איז שוין זאט... אה... עס איז נישט אזוי געפערליך... נאכן בענטשן רוף איך אויס, ווער וויל גיין טראגן משלוח מנות?? אלע קינדער שרייען איך!!! שלמה'לע וועט אנטון זיין קרוין, פייגעלע איר הוט און שיך, נחמן נתן דא איז דיין בארד, שרה'לע דא איז דיין גרויסע שלייף...

**ביילי:** וואס? האסט זיי נישט פארשטעלט לויט א טעמע?

**פריידי:** פארוואס א טעמע, פאר ווענעמען א טעמע? א וואך פאר פורים האבן אונז אראפגעשלעפט די פארשטעלאכץ פון בוידעם, און יעדער האט אויסגעוועלט וואס ער וויל זיין... שרה'לע איז געווען אסתר המלכה, נחמן נתן א זיידעלע... פייגעלע א פארקויפערן פון צוקערלעך אדער בלומען - איך געדענק שוין נישט... שלמה'לע האט געוואלט זיין א קעניג, אונז האבן נישט געהאט, בין איך אראפ אין באזאר און געטראפן דארט א קעניג פאר אפאר פרוטות... פשוט א מעשה פון תפילה.

**ביילי:** אבער אז דו האסט נישט קיין טעמע, לויט וואס גרייטסטו אן משלוח מנות?

**פריידי:** משלוח מנות?

פאר פורים גרייט איך אן א גרויסע בעג נאש מיט ליידיגע זעקלעך אנצופילן, פורים האב איך צוזאמען מיט די קינדער ארויסגענומען איין זעקל און אויסגערופן, די משלוח מנות גייט זיין פאר קליין, זיי האבן אסאך קליינע קינדער וועט מען אריינלייגן אסאך קליינע נאש... די אנדערע גייט מען טראגן פאר דער עלטערער ר' מעכל פון עק גאס, ער האט נישט וואס צו טון מיט נאש, וועט מען אריינלייגן פרוכט מיט א פלעשעלע ווין... איך לייג אויך צו פון די משלוח מנות'ן וואס אונז באקומען, אזוי בלייב איך נישט מוצאי פורים מיט א בארג נאש וואס ענדיגט זיך נישט...



**ביילי:** וואו! אזא גוטע עצה, איך דארף עס פראבירן די יאר, און וואס טוסטו מיט די מלמדים און טיטשערס?

**פריידי:** פאר זיי גרייט איך יא צו פאר דעם, אבער נישט משוגע, דער עיקר לייג איך אריין א שיינע ענוועלאפ צוגעלייגט א בריוועלע מיט אפאר ווארעמע ווערטער אויף זייער געטרייער ארבעט פון א גאנץ יאר...

**ביילי:** כ'האב קיינמאל נישט אריינגעלייגט א ענוועלאפ, אפשר די יאר אז ס'וועט אונז וויניגער קאסטן די פארשטעלאכץ און די משלוח מנות וועלן אונז יא קענען צולייגן עפעס...

**פריידי:** און פורים אליין, ווען דער גאנצער טאג איז איבערגעקערט, ווער איך א קליין קינד אויף איין טאג, קוק אויף א קליין בעיבי אין וועגל, עס גייט אים נישט אן וואו מען גייט פארדעם, נאכדעם, און וואו מען קומט בכלל נישט אן... ער ליגט רוהיג אין זיין מאמעס הענט און פארלאזט זיך נאר אויף איר.

עס פארט אריבער א קאר מיט מוזיק, פאטש ער מיט די הענטעלעך לא...לא... לא... ער האט נישט קיין פלענער, ער לאזט זיך פירן...

איך טו אויך אזוי...

איך געב זיך איבער צום אייבערשטן, איך געב אים איבער מיין טאג און איך לאז זיך פירן שיינערהייט.

איך האב געוואלט עסן די סעודה אין שטוב, אז גלייך נאכן אנקומען צו די עלטערן זאלן אונז קענען גיין אין שול, למעשה האט זיך צוגעברענט די עסן, זענען אונז געבליבן עסן ביי די עלטערן, און די סעודה האט זיך פארצויגן... די קינדער זענען געווארן מיד... און אין שול זענען אונז שוין בכלל נישט אנגעקומען... אבער ביי מיין שוויגער איז געווען זייער לעבעדיג... אז אונז האבן געהאט א אמת'ן פריילעכן פורים...

**ביילי:** וואו! איך דארף עס אויך טריין! זיך פארשטעלן אויף א בעיבי? און פאר מיין בעיבי א מאמאלע? נישט קיין שלעכטער פלאן!

**פריידי:** זייער גוט! מען וועט רעדן נאך פורים, ווי עס פילט זיך אלס בעיבי! ביי!

א פריילעכן פורים!

# פורים מיט קלוגשאפט

ל. שיינער

די שמחה איז גרויס, ענדליך ענדליך קומט שוין די טאג ווען די חלום גייט ווערן פארוויקליכט אוזן מען גייט זיך ארויס ציען צום נייעם שטעטעלע 'קרית יואל', עס איז נישט גרינג אפצולאזן די משפחה און גוטע פריינד פון שטאט, און אלע באקוועמליכקייטן וואס די שטאט האט, אבער איך גיי נאך מיין מאן און איך בין עושה רצון בעלה אן קיין חכמות, וואס ער גייט נאך דעם הייליגן רבי'ן און פאלגט וואס ער הייסט.

נאך אפאר חדשים וואוינען אינעם דערפל קרית יואל, און פרובירן צו קוקן נאר אויף די מעלות וואס די פלאץ פארמאגט, און זיך שטארקן אויף אלע נסיונות וואס קומען אינטער יעדן טאג - איז אנגעקומען א פרישע נסיון ביים טיר, דאס איז דער יום טוב פורים.

וואס? יום טוב פורים איז א נסיון?

לאמיר דיר פארציילן ווען פארשטיין קלארער.

פון ווען איך געדענק מיך, ליגט מיר אין זכרון דעם פרייליכן געשמאקן פורים ביי מיין טאטע אינדערהיים, פון אזוי פרי ווי חמשה עשר בשבט דערמאן איך מיך שוין מיט נאסטאלגיע די פורים סעודות, וויאזוי עס ווערט געפראוועט מיט מיין טאטע און זיינע זיבן ברודערס, מען האט געשפירט א פרייליכקייט אינעם גאנצן שטוב, בשעת מען האט געטאנצן און געשפרינגן, און קיינעם איז נישט אנגעגאנגען וויפיל קריסטאלן שטיקלעך פונעם טשילאר פאלט אראפ, און אויב די הויז ווערט איבערגעדרייט אזש נישט צום דערקענען אז דאס איז אמאל געווען זויבער, מיין מאמע מיט אלע קאזינעס זענען געשטאנען ביים קאך נישט קענענדיג אראפנעמען אן אויג, ווען פון די מויל גליטשט זיך ארויס שטילע תפילות ווי פון זיך אליין, ווייל יעצט איז די צייט צו פועל'ן.

איך בין געווען זיכער ביי מיר אז דאס יאר וועט מען דינגען א דירה'לע אין וויליאמסבורג צו קענען נאכאמאל פראוועו א פורים ווי' אלע אנדערע יארן, מיט די גאנצע משפחה.

אין איינע פון די טעג פאר פורים בין איך געזיצן מיט מיין מאן, בשעת די קינדער זענען שוין אלע געשלאפן, און מיר האבן אדורכגעשמועסט אונזער פלאן פארן קומענדיגן יום טוב פורים, איך געב אים א פרעג מיט אזא פשטות "וואו גייט מען איינשטיין פורים אין שטאט, מען דארף זיך שוין אינטערעסירן, אפשר קען מען טרעפן א הכנסת אורחים ווי מען דארף נישט באצאלן?"

צו מיין אנטוישונג איז די רעאקציע פון מיין מאן געווען "וואס איז שלעכט פורים אין קרית יואל?"

איך בין געבליבן אן לשון, וואס קען איך יעצט זאגן? און בכלל וואס איז די ריכטיגע ווערג צו רעאגירן? איך שפיר ווי מיין פנים ווערט רויט, אבער צו זיין אויף די זיכערע זייט טראכט איך שנעל צו מיר איז בעסער גארנישט צו זאגן פאר איך שמועס עס אויס מיטן אייבערשטן.

די נושא איז געשלאסן פאר היינט, מ'וועט זיך אויסשלאפן און מארגן זען וואס ווייטער.

דעם קומענדיגן טאג מיט א





אויסגערוהטע מח און נאך א געשמאקע שמועס מיטן אייבערשטן, איז די החלטה אז מיין גרעסטע מצוה איז רצון בעלה, איך גיי נאך מיין מאן! פורים ריקט זיך שוין נענטער, איך לערן מיך אויס וויאזוי אליין צו קאכן די קרויט, איך פרעג מיך נאך ביי אנדערע וויאזוי צו מאכן פיינע געבעקסן לכבוד פורים, די ערשטע מאל איך שטעל צו א פורים, איך טו אלעס מיט א שמייכל, ווייל איך טו וואס דער אייבערשטער וויל איך זאל יעצט טון, דער אייבערשטער האט ליב שלום, אבער בשעת'ן קאכן און צוגרייטן די עסן, לייג איך צו תפילות "אייבערשטער באמת וויל איך יא זייער שטארק זיין אין וויליאמסבורג אויף יום טוב, איך קען זיך נישט זען פארפאסן פורים ביי מיין טאטע, אבער אויב דארף איך זיין אין קרית יואל אויף יום טוב, זאל איך זיין דא זייער פרייליך און אויפגעלייגט".

תענית אסתר אינדערפרי, ברוך השם אלעס איז גרייט, אלע קינדער זענען פרייליך, איך ווער אנגעשטעקט פון די שמחה וואס הערשט אין שטוב מיטן אנקום פונעם יום טוב פורים, א' פורים אין קרית יואל וואס איז שלעכט'!

מיין מאן קומט אהיים נאכן דאווענען שחרית, און רופט זיך אן צו מיר מיט א פשוטע אומשולדיגע מינע "איך וויל יא פארן קיין וויליאמסבורג אויף פורים"!!! איך ווייס נישט צו לאכן אדער וויינען פון די שאק וואס האט מיר דא באטראפן.

איך האב נישט צופיל צייט צו טראכטן, מ'מאכט recalculate, עס איז א הערליכע מעשה פון תפילה, אבער וואס טוט מען יעצט? הייליגע באשעפער וואס ווילסטו יעצט פון מיר איך זאל טון?

א שנעלע חשבון און מען הייבט אן שנעל איינפאקן אין פריזער קרויט, חלה, המן טאשן, און די גאנצע סעודה וואס איז שוין צוגעגרייט ווערט פארפאקט פאר א צווייטע געלעגנהייט. אלע פארשטעלאכצער שלעפט מען ארויס האלב זאכן אנגעטון, האלב אין די בעגס, און א חלק בלייבט בטעות אינדערהיים, מען דארף זיך שנעל יאגן צו אנקומען צייטליך קיין וויליאמסבורג צו הערן מגילה ליינען!

דא האט דער יצר הרע - דער עמלק באקומען זיין מפלה! די אידישע מאמע איז אדורך די פארהער מיט נצחון, מיט איר חכמת נשים געמאכט א נחת רוח פארן אייבערשטן, און דער אייבערשטער טשעטשקעט זיך מיט אזעלכע מצוות!

(געהערט פונעם בעל המעשה, מינדערוויכטיגע פרטים געטוישט.)

דער יום טוב פורים קומט,  
פארשטעלאכץ, משלוח מנות, אלעס שטומט,  
אבער וואס איז די וועג צו טראכטן,  
אז מיין נשמה זאל לייכטן?  
וואו זאל איך זיין פורים, ביי וועם,  
וואס איז די רצון השם?  
דער אייבערשטער גיבט א הייליגע טאג פאר מיר,  
מיט מצוות פיר.  
איך נעם עס מיט ביידע הענט,  
פרייליך, פרייליך, פרייליך, אויף מיין פנים און אויף אלע ווענט.  
איך לאז אלע חכמות אין א זייט,  
צו געפעלן אנדערע האב איך נישט קיין צייט.  
"באשעפער העלף מיינע מצוות זאלן זיין גאנץ"  
אין יעצט קען מען ארויסגיין אין א לעבעדיגע טאנץ.  
קומט דער יצר הרע און וויל פרובירן,  
אפשר דאך קען מען די שמחה צושטערן.  
מ'וועט לייגן די אידישע מאמע אויף א פארהער,  
און זען אויב זי איז פריילך ווי ביז אהער.  
איך וועל זיך האלטן פעלזן פעסט,  
און אזוי אדורך גיין דעם טעסט.



# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

לאה זאבעל תחי' - קרית יואל פארציילט:




יוסף יושע ווערטהיימער נרו יאיר - לינדען פארציילט:



# קליין און שיין



אלעזר ישעי׳ און שלום פריעדמאן  נ״י מאנסי



שמעון און אליעזר שלמה אינדארסקי
נ״י  - קרית ברסלב




משפחת אינדיג - קרית ברסלב



## שיקט אריין א בילד
## פון אייער קינד

# טרעף

## די פאלגענדע ווערטער...

"הצילני מקליפת המן ועמלק
וזכני לקדושת מרדכי ואסתר"

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| כ | ח | כ | ו | ו | ע | מ | ל | ק | י | ש | ת | כ | ר | ו |
| ק | י | ח | א | ה | ת | י | ז | ס | ט | ח | י | י | פ | ז |
| ל | ב | ד | מ | ו | נ | ט | מ | ס | ת | צ | צ | ג | ה | כ |
| ע | ק | ד | ת | ל | צ | ג | ה | ש | ז | פ | מ | י | ש | נ |
| ו | פ | ד | י | ש | ט | ט | מ | ל | י | צ | ר | ט | ב | י |
| ת | ת | צ | ו | ס | י | ג | ל | צ | צ | ק | ד | ש | כ | ב |
| צ | ה | ח | ז | ש | צ | ו | א | ס | ת | ר | כ | ק | ש | ה |
| ז | ז | י | ה | י | ת | ת | ע | ט | ת | ה | י | ד | ו | ל |
| פ | ה | ט | ח | ז | ג | כ | ה | כ | ט | י | ח | ו | צ | כ |
| ס | ז | נ | ז | ס | מ | מ | ט | מ | ק | ל | י | פ | ת | ל |
| פ | ע | צ | ז | ק | נ | מ | ט | כ | ג | ס | ד | ג | ח | ע |

א פריילעכן פורים
און א שמחת תמיד!



# חידות

## אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט געזאגט: די וואס וועלֿן קומען צו מיר פאר די זיבן יאר**

**א. וועלֿן זוכה זיין צו עולם הבא**
**ב. וועלֿן האבן פרנסה א גאנץ לֿעבן**
**ג. וועלֿן חתונה האבן מיט א ריין העמד**
**ד. וועלֿן ליב האבן מצות**



תירוץ פון פאריגע וואך:
דער רבי האט געזאגט אויב מען לֿערנט זיין ספר קען מען ווערן א גרויסער בעלֿ תשובה



# בילדער
## אפטיילונג




קרעדיט: שלמה גוטוויין



הלל ראש חודש אין ישיבה צוזאמען מיט די קינדער פון תלמוד תורה - ג' תרומה

קרעדיט: יוחנן שור



שבע ברכות אין היכל הקודש ירושלים פון החתן אלחנן זויבערמאן נרו יאיר - ד' תרומה

קרעדיט: נפתלי זאבעל



קרעדיט: נפתלי זאבעל



הפצה פארברענג צוזאמען מיט די מסיבה פארן כולל אין היכל הקודש קרית יואל- ג' תרומה

קרעדיט: נפתלי זאבעל











די קינדער אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל האבן געמאכט א פורים פלעי לכבוד ראש חודש אדר







**חתונה אין ישיבה פון החתן בנימין ווילדי נרו יאיר**
**מיטוואך תרומה**













**ביים גיסן מקוה רחל שמחה אין שטעטל, נתנדב געווארן**
**דורך מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו - ה' תרומה**




**ברית פון בן מו"ה יחזקאל שארף הי"ו - ה' תרומה**




**הנהלה מיטינג אין שטעטל - ה' תרומה**

קרעדיט: יואל הכהן ראזענבערג



קרעדיט: יואל הכהן ראזענבערג



דער ראש ישיבה באזוכט אין מצה בעקעריי - ה׳ תרומה

קרעדיט: יוסי פרערויא



מסיבת הכרת הטוב דורכן רענט קאמפיין מוצאי שבת תרומה אין ישיבה

קרעדיט: יוסי פרערויא



לייוו פאנעל פון חמין במוצאי שבת

קרעדיט: יוסי פרערויא



קרעדיט: יוסי פרערויא



דער ראש ישיבה ביים משמיע זיין דברות קודש

קרעדיט: מאטי פאנעט



מו״ה ישראל מיכל ראזענפעלד הי״ו ביי זיין דרשה

קרעדיט: מאטי פאנעט



די מתנות פאר די וואס העלפן א גאנץ יאר




UPPER SHOES
EST 2023
73 Huschke Rd, Liberty, NY 12747
845.662.8423 יואל וועבערמאן